STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02025

YUDISH

Eliezer David Rozenthal

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויסגאבע „א ר י א ל"

יודיש

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE C. R.

ערצעהלונגען

פון

אליעזר דוד ראזענטהאל

אדעססא.

Изданіе Книго-издательства **«Аріэль»**

Еврейская библіотека **«Дасъ Лейбенъ»**

„Іудишъ“

Разсказы Л. Д. Розенталя

ОДЕССА

Печатано въ Типо-Литографіи Э. Шліомовича, въ Кишиневѣ.

1904.

Дозволено Цензурою Одесса, 23 Февраля 1904 г.

אינהאלט:

1) דאס אלטע בית—המדרש.
2) לייבקע וואטענמאכער.
3) ניטשעס תלמיד.
4) צווישען „ווילדע".
5) א שלעכטע בשורה.
6) אברהמקע שוסטער.
7) יום כפור.
8) שבת.

דאָס אַלטע בית־המדרש.

I.

דאָס אַלטע תּאַמשעוואַטער בית־המדרש מיט די נידריגע איינגעהויקערטע ווענד, וואָס זענען געווען בעשריבען פון אויבען ביז אַראָב מיט גאַנץ גרויסע כּתובות אותיות:

„משנכנס אדר מרבין בשמחה".—

דאָס אַלטע בית־המדרש איז שוין לאַנג איינגעפאַלען. אַצינד שטעהט אויף דעם אָרט אַ שען בית־המדרש מיט פּאַליטורטע, געטאַקטע שטענדערס. די אַלטע בעלי־בתּים זענען שוין אויך מעהרסטענטייל אויסגעשטאָרבען און רוהען זיך אוים זייערע ביינער אויף דעם תּאַמשעוואַטער בית־הקברות. מיט דער צייט האָט זיך אַלעס געענדערט. „אַנדערע צייטען—אַנדערע פעגעל, אַנדערע פעגעל—אַנדערע ליעדער". נאָר ביי מיר אין האַרץ לעבען נאָך די קינדער־און־יוגענד זכרונות. איך דאַרף נאָר צו מאַכען די אויגען און דאָס אַלטע בית־המדרש, שטעהט לעבעדיג פאַר מיר. די טייערע שאָטענס פון דער אַלטער צייט לעבען אויף, בעוועגען זיך פאַר מיינע אויגען. די יוגענד־זכרונות בעגיסען זיי מיט די שענסטע פאַרבען, מיט אַ פרעהליך וואַרימקייט וועלכעס נאָר די יוגענד קאָן פיהלען, ווען דאָס האַרץ איז נאָך וואַרים און די איינדרוקע זענען נאָך פריש, נישט אָבגעבליאַקיוועט, נים פערקעלטעט און דערפרוירען דורך די נסיונות פונ'ם לעבען.

שַׁבָּת בַּיי טאָג.

דאָס בֵּית־הַמִּדְרָשׁ איז נאָך לעדיג. צוּבִיסלעך ווַייז הייבּען זיך אָן צוּנויפקוּמען די יוֹדְעֵי־סֵפֶר: פְּרִיהער די יוּנגעלַייטליך דערנאָך די עלטערע בַּעֲלֵי־בָּתִּים. אויף יעדען לִיגט דער חוֹתָם פוּן שַׁבָּת: זאַט, אָנגעגעסען, הַרְחָבַת־הַדַּעַת, אויף אַ טאָג אַראָבגעוואָרפען די דְאָגוֹת פַּרְנָסָה פוּנ'ם קאָפּ.

אין מִזְרָחִית־דְרוֹמִית ווינקעל זיצט דער אַלטער דַיָן; זַיין גרַייז־גרויע באָרד לִיגט צוּשפּרייט אויף דעם „יוֹרֶה־דֵעָה“, וואָס לִיגט פאַר אִיהם אויפ'ן שטענדער אָפען. די בַּאטשעלע מִיט'ן פִּישקעלע טאַבּאַקע לִיגען אויף דעם לינקען בְּלאַט. דער דַיָן מורמעלט עפּיס אונטער דער נאָז; ער צִיהט זיך אַלע מאָל און גענעצט. ווי עס ווייזט אויס, לִיגט אִיהם אויפ'ן האַרצען נאָך דער שַׁבָּתדיגער שלאָף און אין מויל דער טַעַם פוּנ'ם קוּגעל. דער „יוֹרֶה־דֵעָה“ קריכט אִיהם אַצינד גאָר נִיט אין קאָפּ אַריין.

פוּן דער לינקער זַייט אָרוֹן קֹדֶשׁ זיצט ה"ר זַנווילע: אַ ייד אַ לַמְדָן, אַ „עוֹבֵד“. אַ גאַנצע וואָך פערברענגט ער נאָר מִיט לערנען, תְּפִלָּה און תַּעֲנִיתִים, נאָר שַׁבָּת בַּיי טאָג ערלויבט ער זיך אַ מאָל שִׂיחוֹת חוּלִין. נעבען אִיהם שטעהן עטליכע יוּנגעלַייטליך און ער דערצעהלט זיי חֲדָשׁוֹת פוּן מִלְחָמוֹת. די נַייעסען, וואָס ה"ר זַנווילע דערצעהלט, זענען אַפִילוּ נִישט גאָר פוּן די לעצטע; זיי האָבען זיך פערשפּעטיגט מִיט עטליכע הוּנדערט יאָהר. — ער דערצעהלט לְמָשָׁל: ווי דער תוֹגַר האָט בעלאַגערט ווִיען, אָדער פוּן דער מִלְחָמָה, וואָס פִילִיפּ דער מֶלֶךְ פוּן שפּאַניען האָט געפיהרט מִיט ענגלאַנד. די אַלע מַעֲשִׂיּוֹת שעפּט ה"ר זַנווילע אַרויס פוּנ'ם „צֶמַח דָוִד“. נאָר ער דערצעהלט זיי מִיט אַזאַ נוּסַח, גְלַייך זיי האָבען זיך ערשט נעכטען געטראָפען, און דער עוֹלָם האַלט אָפען מויל און אויערן און שלינגט יעדעס וואָרט.

אין מִזְרָחִית־צְפוֹנִית ווינקעל זיצט אויף זַיין „שטאָדט“ דער

עושר פונ'ם בית-המדרש. פאר איהם ליגט א אפענער מדרש און ער קוקט אין איהם, ווי א האהן אין „בני-אדם“. א קעגען אויף דער שפיגעל-באנק זיצט בעריל „שגץ“ די פיס אונטער זיך, די שיך שטעהן אונטער דער באנק; ער לערנט גמרא גאנץ הויך מיט א ניגון: קנייטשט דעם שטערן און, אז ער קומט איבער א שווער ארט אין דער גמרא רעדט ער צו זיך אליין אויך מיט'ן גמרא-ניגון: „אוי בעריל, ביסט דו אין דער ערד מיט'ן קאפ!“. „אוי ביסט דו א עם-הארץ דאורייתא“. „אוי, האבט דו די ווערט קלעפ!“. א קע-גען אויף דער אנדערער שפיגעל-באנק זיצט א יונגערמאן ערשט נאך דער חתונה. פאר איהם ליגט א אפענע גמרא. נעבען איהם שטעהט זייגער א חבר א רתן בחור און מען שושקעט זיך. נאר דער יונגערמאן קוקט זיך אום אלע מאל צו דער טיר צו דער שווער געהט ניט. און, אז די טיר עפענט זיך, צושאקעלט זיך דער יונ-גערמאן און צוזינגט זיך גאנץ הויך: „אמר אביי“ האט אביי גע-זאגט! בעריל „שגץ“ בעמערקט דעם יונגענמאנס מאנעווערעס און צושאקעלט זיך אויך און קרומט זיך נאך דעם יונגענמאן: „אמר אביי, אביי האט געזאגט, אז דער שווער וועט קומען וועסט דו ליגען אין דער ערד!“.

נעבען שרהן זיצט א אלטער יוד מיט פערשלאפענע אויגען מיט בריל'ען אויף דער נאז און זאגט תהילים מיט א הייזעריג קול מיט א מאדנע עברי, לאזט אלע מאל אויס מיט א ניגון: „בבלי יוצר תנפצו!“. „אשרי כל חוסי בו!“ און זיין קול דרינזשעט, ווי א צובראכענער קעסיל, אז מען קלאפט אויף איהם מיט א שטעקען.

ביי דער דרובע זיצט שמריה קצב און לערנט גאנץ הויך גמרא. שמריה איז א פשוטער קצב, א ווילדער גראבער יונג, דאך ווילט זיך איהם זיין א עדלער יוד. ער צושרייט זיך גאנץ הויך מיט זיין פאנפאטע לשון: „מתניתין דלא כסומכוס“ די משנה וועט ניט קומען נאך סומכוס'ן. אה ווא! אזא צדיק ווי ר' סומכוס און די משנה טוט איהם גאר צולהכעיס! א-געוואלד! נאר מיט וואס קאן

איך איהם העלפען?

אין מערבית-צפונית זייט ביי טיש זיצט דער בעדער, א ליטוואק, א שטיקעל יודע ספר. ארום איהם זיצען עטליכע גרייז-גרויע יודען און ער לערענט מיט זיי מדרש. - די לצני בית המדרש רופען דעם בעדערס תלמידים „די ווייסע חברה-ניקעס" איבער זייערע גרויע בערד. - „אמר רי בון" - הייבט אן דער בעדער. - „זאגט רי בון - טא הערט זיך גוט איין אקארשט, וואס רי בון זאגט. זעהר א צוקאווע זאך כ'לעבען!."

אין א זייט זיצען עטליכע מלמדים, וואס האבען שוין גע-פטרט דאס „פארהערין" און שמועסען פון פאליטיקע. אין דער זייט שולביל אין דער „קעשינע" - ווי מען פלעגט עס רופען - זיצען זייערע תלמידים און מען שטיפט, מען רעשט, מען ליארמט און דאס קול געהט עד לב השמים. אזוי געדויערט עס ביז מנחה צייט.

נאר פלוצים דרינגט צו צו די אויערען „וצדקתך צדק לעולם" מיט דעם בעקאנטען, אלטען, טרויעריגען נוסח. אייף דעם הארץ ווערט מרה-שחורהדיג. עפיס הייבען זיך אן די שטערינס צו קניי-טשען. „דער פרינץ פיהלט, אז אט, אט דארף ער אויסטהון די בגדי-מלכות און דארף צוריק ארויפשלעפען אויף זיך די הונדישע פעל, ווערין א הונד און זוכען א אבגעריוועטען ביין". עס פיהלט זיך אז, דער הייליגער שבת איז אוועק און די אלע וואכענדיגע דאגות קריכען צוריק ארויף אויף די יודישע פנימער.

און די שאטענס ווערין אלץ לענגער. די נאכט ריקט זיך אן. אט א באלד וועט מען די רשעים ארויס רייסען פון זייער שבתדיגער רוה און צוריקטרייבען אין גהינם. מען וועט זיי דארט ברענען און בראטען, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין די הייליגע ספרים. און מיין קינדיש הארץ בלוטיגט אויף די רשעים און אויף די לע-בעדיגע יודעליך נעבעך, וואס דארפען זיך פלאגען די גאנצע, לאנגע וואך. און מיין הארץ פרעגט: פאר וואס זאל ניט זיין בסדר שבת?

II.

יום־טוב אויף דער נאכט בין מנחה למעריב.

דער עולם איז פרעהליך, אויפגעלעגט. ביי טאג האט מען מסתמא געמאכט א כוסה, געגעסען אין מויל אריין. אצינד זיצט דער עולם גאנצע הערליך און מען שמועסט פון הערען און געדענקען. דער רויך פון די ציגארעס פולט אי דאס בית־המדרש. עטליכע בעלי־בתים דרעהעוויטשנע האלטען אין איין ווארטשען אויף די, וואס רויכערען און „רעכנען דאס בית המדרש פאר א קרעטשמע", באר ווער הערט זיי דען? דער עולם טהוט זיך זיינס. דער רויך שטעהט ווי א עמוד־ענן. די שיין פון די לעכט און לאמפען איז בלוילך און איינגעוויקעלט אין רויך. איך שוועב פון רעדיל צו רעדיל. דא לעג איך צו א אויער, דארט חאפ איך א ווארט. אויף א אנדער ארט הער איך א גאנצע מעשה.

אט געה איך צו צו דער חברה, וואס שטעהן ארום ה"ר זנווילען. ער דערצעהלט אצינד דעם עולם פון די געריהמטע גענו, וואס האבען אבגעראטעוועט רוים און דער עולם שטעלט אויף מויל און אויערען. פון ר' זנווילען מאך איך א קפיצה צו ר' ישעיהו מאסקווער. מען רופט איהם ר" ישעיהו מאסקווער, ווייל ער איז געווען איינמאל אויף זיין לעבען אין מאסקווא און האט דערפון צו דערצעהלען מעשות אהן א שיעור. ער דערצעהלט דעם עולם פון ר" ששת קבר, וואס ער וועסט פעסט, אז ער איז בעגראבען אין מאסקווא. אויך ווייסט ער פעסט, אז די קאצאפעס שטאמען אב פון די פלשתים און דערפאר רופט מען זיי אויך פיליפעס.

ר" ישעיהו מאסקווער'ס מעשות זענען מיר שוין בעקאנט פון לאנג און איך חאפ מיך אריבער צו דער „שפיגעל־באנק". דארט זיצט בעריל „שגץ" ארום איהם שטעהט א גאנצע חאפטע און ער שטעלט זיי פאר, ווי לייבעלע דעם רבי'ס, א רבי'ס א זוה, נאר א ווילדער גראבער יונג על טהרת הקודש, געהט אויף זיין פאטער'ס קבר בעטען פאר זיין קראנקען ברודער: „גוט מארגען דיר, טאטע"—

ווענדעט זיך לייבעלע צום כצמערס קבר און לעגט צו דעם אייער, ער וויל הערן, ווי דער פאטער ענטפערט איהם: „גוט יאהר, מיין זוהן״. —מאטעניא זוכער!—שרייט לייבעלע—איך בין דיר געקומען אנזאגען, אז דיין זוהן צבי איז חולה. זאלסט דו נים שווייגען. זאלסט לויפען צו די היילגע אבות: צו בלעם בן-בעור און צו בלק בן-צפור און צו די אמהות, די היילגע בנות צלפחד, זאלען גאט בעטען פאר דיין זוהן. און דו אליין זאלסט אויך רחמנות האבען ווי א מאמע, אזוי ווי עס שטעהט אין די היילגע ספרים: „ואתעתרת לרתהא״ זאלסט זיין דיין קינד א מאמע! א גוטען טאג—געזעגענט זיך לייבעלע מיט זיין פאטער. בעריל מאכט נאך די גאנצע מימיקא מיט דעם טשעפיליאווע לשון לייבעלעס, און דער עולם קאטשעט זיך פאר געלעכטער.

פון בעריל „שגץ״ האפ איך א שפרינג צום רבין ה״ר אייזיקער. ר״ אייזיקעל איז א 80—יעהריגער זקן. יעדער רופט איהם רבי, ווייל כמעט אלע לייטישע בעלי-בתים זענען געווען זיינע תלמידים. די משכילים פונים שטעדטיל האלטען איהם פאר א ליגנער, א מגזם איבער זיינע—מעשיות פון שדים, רוחות און פון מתים, וואס קומען זיך צונויף ביינאכט אין שול. נאר אין אמת׳ן איז רבי אייזיקעל נים קיין ליגנער; ער איז נאר א פאעט מיט זעהר א רייכער פאנטאזיע און די ביידע וועלטען „יענע וועלט״ און „די וועלט״ זענען געווען ביי איהם ווי א שטוב מיט א אלקער, און ער האט געהאט א אפען טירעל און האט זיך שפאצירט פון איין וועלט אין דער אנדערער. צום ווענינגסטען, האט ער אליין געגלויבט אין אלע זיינע מעשיות.

פערשטעהט זיך, אז יום-טוב אויף דער נאכט איז מסתמא דער רבי אייזיקיל געווען אויפגעלעגט מעהר ווי תמיד, און זיינע מעשיות האבען געקוואלען ווי פון א ברונען. איין מעשה שרעקליכער פון דער אנדערער. מעשות פון שדים שלעכטע, וואס האבען ליעב צו טהון רשעות. און מעשות פון קליינע, גוטע רוחיליך שרייטעליך

וואס טראגען צו אלדעם גוט'ס; בעשות פון מתים, וואס האבען ביינאכט געלייענט אין דער תורה און האבען אויפגערופען צו אין "עליה" לעבעדיגע מענשען, און די, וואס מ'האט אויפגערופען זענען טאקע דאס יאהר געשטארבען. דאס אלעס האט ר' אייזיקעל אליין געזעהן, געהערט אין געה גלויב איהם ניט? פערשטעהט זיך, אז איך בין געוועזען איינער פון זיינע פלייסיגסטע הערער, חאטשע די האר פלעגען זיך מיר שטעלען קאפויר און דאס לייב האט מיר געגרוילט הערענדיג די שרעקליכע מעשות.

פון ר' אייזיקלען שוועב איך צו אנדערע צוויי, דריי רעדליך. נאר זיי פעראינטערעסירען מיך וועניג. אין איינעם שמועסט מען פון ווייץ, אין אנדערען פון אקסען, איג'ס דריטען—פון בין הזמנים. דאס האט אלעס באר מיר א קליינעם אינטערעס און איך לאז מיך אין דער "קעשענע"—אין זייטיגען חדריל אריין.

א, דארט קאכט, זעדט! די יונגע חברה משכילים האבען זיך צעטהיילט אויף צוויי צדדים. איין צד האלט שטארק מיט מענדעלזאהנען און דער אנדערער צד מאכט פון איהם א תל. דאס מחלוקת ווערט אלע מאל גרעסער. מען טענהט מיט היץ, מיט התלהבות. איך זעה, אז עס האלט א באלד טאקע ביי פעטש. איך מאך א פליטה צוריק אין בית-המדרש און שטעה שוין ביי רעדיל און הער א מעשה פון ר' מאיריל פרימישליאנער.

אזוי איז געוועזען ביי מיר דאס בעסטע פערגניגען צו זיין א שטיק "רואה ואינו נראה". אהן בעמערקט, פון דער זייט, צו הערען זיך צו די אלע בית-המדרש מעשות, אנצוקוקען זיך אין די יודישע פנימער און פריווען לייענען די געדאנקען, וואס גריבלען אין די יודישע מוחות.

דאס בית-המדרש! א וואסער ראליע האט עס געשפילט אין אונזער לעבען אין דער אלטער גוטער צייט! דאס איז געוועזען אונזער אוניווערסיטעט; דארטען האבען מיר איבערגעלעבט אונזערע ליידען און פריידען.

לֵייבְּקֶע וַואטֶענְמַאכֶער.

I.

דאָס בֶּעסְטֶע פֶערגְנִיגֶען אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען, וֶוען אִיךְ אַלְס קִינְד פְלֶעג קוּמֶען שַׁבָּת אִין־דֶער־פְרִיה אִין בֵּית־הַמִדְרָשׁ דַאוֶונֶען, זִיךְ צוּקוּקֶען צוּ דִי גֶעזוּנְטֶע, רוֹיטֶע אָנגֶעגֶעסֶענֶע פְּנִימֶער פוּן דִי מִזְרָח בַּעֲלֵי־בָּתִּים אוּן זֵיי צוּ פֶערְגְלַייכֶען צוּ דִי בְּלַאסֶע, מָאגֶערֶע, אָבְגֶעצֶעהָרְטֶע פְּנִימֶער פוּן דִי אָרִימֶעלַייט, וואָס זִיצֶען אִין מַעֲרִיב זַייט בַּיי דֶער הרובֶע.

אִין אַ סַךְ פוּן דִי פְּנִימֶער הָאב אִיךְ שׁוֹין לַאנג פֶערְגֶעסֶען; בַּאר צְוֵויי פוּן זֵיי שְׁטֶעהֶן נאָךְ אַצִינְד אִיךְ פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען.

דאָס גְרָאבֶּע, פֶעטֶע פָּנִים פוּן אוּנזֶער עוֹשֶׁר שְׁלֹמֹה פִּינִים וואָס זַיין „שְׁטַאנְד״ אִיז גֶעוֶועזֶען אִין דֶער רֶעכְטֶער זַייט פוּנִים אָרוֹן־קוֹדֶשׁ, אוּן־פוּנְקְט אַ קֶעגֶען אִיהם־דאָס מָאגֶערֶע, גֶעלֶע פָּנִים פוּן לֵייבְּקֶע וַואטֶענְמַאכֶער, וואָס זַיין „שְׁטַאנְד״ אִיז גֶעוֶוען בַּיי דֶער הרובֶע, נִיט וַוייט פוּן דֶער טִיר.

שְׁלֹמֹה פִּינִים אִיז אַ יוּד מִיט אַ גֶעזוּנְט פָּנִים, אַ רוֹיט׳ס, אַ פֶערְבְּלָאזֶענ׳ס מִיט קְלֵיינֶע צְוֵויי אֵייגֶעלִיךְ, וואָס מֶען הָאט זֵיי קוֹים אֲרוֹיס גֶעזֶעהֶן. מִיט בַּייטֶעלִיךְ אוּנְטֶער דִי אוֹיגֶען. זַיין פָּנִים הָאט תָּמִיד גֶעשְׁוִויצְט, אִין דִי קְנֵייטְשֶׁען אִיז גֶעלֶעגֶען גְרוֹיסֶע טְרָאפֶּען שְׁוֵייס אוּן ס׳הָאט תָּמִיד גֶעגְלִינְצֶערְט, וִוי פֶעט פְלֵייש, וואָס לִיגְט

בַּיי דֶער יאָטְקֶע אִין דְרוּיסֶען אוּן פְּרֶעגֶעלט זִיךְ אַ קֶעגֶען דֶער זוּן. שְׁלוֹמָה פִּינִים אִיז גֶעוֶוען כָּל יָמָיו אַ גְרוֹיסֶער פַּאנְטאָפֶעל-מַאן אוּן אִיז גֶעלֶיגֶען בַּיי זַיין וַוייבּ, דער אַרוּרָה, נַיין אֵייבֶלען אִין דֶער עֶרְד אוּן הָאט קֵיין שׁוּם דֵעָה נִיט גֶעהַאט אִיבֶּער זַיין עֲשִׁירוּת. דָאךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען מִיט זִיךְ זֶעהר צוּפְרִידֶען. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נַארָאנִים, וואָס הָאבֶּען זִיךְ לֵעבּ צוּקְלוּגֶערן. נאָר אַזוֹי ווי קֵיין אֵייגֶענֶע חָכְמוֹת הָאט עֶר נִיט גֶעהַאט, הָאט עֶר זִיךְ בַּעגְנִיגְט מִיט פְּרֶעמְדֶע. טָאמֶער הָאט עֶר גֶעכַאפְּט עֶפִּיס אַ פְּרֶעמְדֶע חָכְמָה, אִיז אִיהם נִיט נִמְאָס גֶעוואָרֶען אִיבֶּערצוּחֲזָרן זִי טוֹיזֶענְד מָאל.

אַזאַ מִין פְּרֶעמְדֶע חָכְמָה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אִיהם אִין אַ מֶשֶׁךְ פוּן אַ סַךְ יאָהְרֶען:

שַׁבָּת בַּיי טאָג, וֶוען עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אֵיינֶעם פוּן דִי יוּנְגֶע מַשְׂכִּילִים, פְּלֶעגְט עֶר אִיהם פְרֶעגֶען:

— ס'אִיז אֱמֶת, אַז דוּ בִּיסְט אַ אַפִּיקוֹרֶס?

— דֶער מַשְׂכִּיל הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג אָנְגֶעהֶערְט מִיט דֶער „חָכְמָה" אוּן הָאט גֶעוֶועהְנְטְלִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— יאָ.

— נוּ, אוּן דַאוְונֶען דַאוֶוענְסְט דוּ גאָר נִיט?

— נֵיין.

— קֵיין מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אֲפִילוּ נִיט?

— נֵיין.

— נוּ, אוּן שַׁחֲרִית אוֹיךְ נִיט?

— נֵיין.

— נוּ, אוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם-טוֹב אוֹיךְ נִיט?

— נֵיין.

— נוּ, אוּן יָמִים נוֹרָאִים?

— יָמִים נוֹרָאִים דַאוֶוען אִיךְ אוֹיךְ נִיט.

— אוֹי, בִּין אִיךְ דִיךְ מְקַנֵא-הָאט אוֹיסְגֶעשׁאָסֶען אוּנְזֶער עוֹשֶׁר מִיט אַ גֶעלֶעכְטֶער-אִיךְ וואָלְט אוֹיךְ נִיט גֶעדַאוֶוענְט, נאָר אִיךְ בִּין

שוין אַ אַלְטער הונד, האָב איך מורא פאר גאָט.

אָט, אין דעם איז געלעגן דער גאַנצער „זאַלץ“ און אונזער עושר איז ניט נמאס געוואָרען איבער צוהערן די „חכמה“ אַלע שבת. און טאַמער האָט זיך ניט געטראָפען קיין נייער משכיל האָט ער יוצא געווען מיט איין משכיל עטליכע מאָל.

לייבקע וואַטענמאַכער, איז געווען אַ יוד אַ פאַרקרענקטער מיט אַ אָבגעצעהרט, געל פנים אָהן אַ טראָפּען בלוט, מיט צוויי בלאַסע, פערטריקענטע ליפּען. נאָר אין זיינע אויגען איז תמיד געלעגן אַ איראָנישער שמייכעל. עס האָט אויסגעזעהן, אַז לייבקע קוקט אויף דער וועלט ווי אויף עפּיס אַ איראָנישע זאַך. ווי דער רבונו של עולם האָט זיך געוואָלט מאַכען עפּיס אַ שפּאַס און האָט זיך בעשאַפען אַ לצנות-וועלטיל, האָט עס אומיסטען געשטעלט מיט דעם קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף און ער, לייבקע, מוז נעמען אַ אַנטייל אין דעם וועלטעל און שפּילען זיין ראָליע.

לייבקעס לעבען איז ווירקליך געווען אַ ביטערע איראָניע. דאָס מזל האָט געטריבען מיט איהם אַ ביטערען קאַטאָוועס. לייבקע אַ ליטוויש יונגעל מיט זעהר אַ גוטען טאַלאַנט צום לערנען, איז פלוצים פערוואַרפען געוואָרען אין אַ קליין, פינסטער שטעדטעל אין בעסאַראַביע. לייבקע איז געוואָרען אַ וואַטענמאַכער נאָר דער פאַר, וואָס דער יוד, וואָס האָט זיך אויף איהם מרחם געווען און האָט איהם גענומען אויף דעם ערשטען שבת, איז געווען אַ וואַטענמאַכער. לייבקע האָט חתונה געהאַט, ווייל זיין בעל-הבית, דער וואַטענמאַכער, האָט געהאַט אַ פּלעמעניצע.

לייבקע האָט געלעבט אין צוויי וועלטען: אין דעם לצנות-וועלטיל, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט און אין זיין אייגען, איניווענינסטען וועלטעלע. דאָס לצנות-וועלטיל איז לייבקע אָבגעקומען מיט אַ ווערטעל, מיט אַ „מימראַלע“, דאָס איז געווען ביי איהם אַ תירוץ אויף אַלעם: אויף זיין שלעכטער לאַגע, אויף זיין אָרימקייט. לייבקע האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט דערנידריגע

ניט פאר דער וועלט, ניט פאר דעם רבונו של עולם און אפילו ניט פאר זיך, ער זאל זיך ערלייכטערן מיט א קרעכץ. זיין איניוועניגסטע וועלטיל איז תמיד געבליבען פערשלאסען, פערבארגען פאר פרעמדע אויגען, מען זאל עס, חלילה, ניט זעהן אפילו דורך א שפארינקעלע.

דאס ערשטע מאל, ווען איך האב דערקענט לייבקען, איז געוועהן ווינטער, עטליכע טעג פאר חנוכה.

עס איז געוועזן נאך מעריב. אין דרויסען איז קאלט. עס פאלט א נאסער שניי. לייבקע זיצט זיך אויף זיין ארט ביי דער הרובע, אנגעטהון אין א אבגעטראגענער, קארטעגער קאפאטע אויף וואטען אויף דעם האלז — א גרינעם, אבגעבלאקעוועטען, צוריסענעם שאל. זיינע הענד זענען אנגעשפארט אויפ'ן שטענדער און זיין קאפ-אריינגעצויגען צווישען די אקסלען, ווי א קוקוויקא ארום איהם זענען געזעסען און געשטאנען עטליכע בעלי-בתים. און יונגעלייטליך, וועלכע לערנען אין בית המדרש. איך בין אויך געבליבען שטעהן אויף א ווייל'ע מיט מיין רבי'ן איידער מיר זענען געגאנגען אין חדר אריין.

— אוי, איז געוועזן גוט אז יודען האבען געהאט מן — האט זיך לייבקע געטהון א זאג צווישען די צייהן.

— מיט וואס איז אזוי גוט געוועזן? — האט זיך געפונען א פרעגער.

— דענצמאלט האט זיך א יוד מסתמא ניט געלעגט שלאפען אהן וועטשערע, — האט לייבקע געענטפערט שטיל און האט ווייטער פערשלאסען זיינע דינע, בלאסע ליפליך, נאר זיינע אויגען האבען געשמייכעלט.

דער עולם האט זיך צעלאכט. דער וויץ איז זיי געפעלען, נאר מיר האט זיך דענצמאלט ניט געלאכט. איך האב אינסטינקטיוו געפיהלט, אז לייבקע האט דאס ניט געזאגט ער זאל דעם עולם משמח זיין; ער האט פשוט מיט דער „מימרא" פערענטפערט די גרויסע קשיה „וואס וועלען געבען די קינדערליך עסן אויף דער נאכט?" אין שטוב איז מסתמא ניט געוועזן ניט קיין ברויט, ניט קיין הייצונג

און מיט דער „מימרא" איז לייבקע אפגעקומען א וועטשערע פאר זיך און זיין בני-בית.

עס פלעגט זיך טרעפען צו מאל, אז דער מזרח און מעריב זענען געווארען נאהענטע שכנים און דאס פעטע, פערבראזענע פנים פון שלומה פינים איז אויסגעקומען געבען לייבקע וואטענמאכערס בלאס, קרענקליך פנים. דאס פלעגט זיך מאכען ווינטער אין די גרויסע פרעסט, ווען די מזרח בעלי-בתים האפען א ציטער אויף זייערע „שטעטד" און קומען זיך ווארימען ביי דער הרובע.

— איהר ווייסט, אז מיר זיצען פעסטער אויף אונזערע „שטעדט" ווי איהר אויף אייערע?—האט זיך לייבקע איין מאל געווענדעט צו זיין נייעם שכן, דעם עושר.

— פאר וואס?—האט דער עושר געפרעגט.

— מיר קאנען צו אייך קיינמאל נים קומען, און איהר קוקט יא צו אונז.!

II.

עס האט זיך גראדע אזוי געמאכט, אז מיינער א רבי האט געדינגען א „חדר" ביי לייבקע וואטענמאכער.

אויף ארימקייט בין איך א געזונטער מבין. ערשטענס, האב איך ביי מיינע אייגענע עלטערן נים געלעכט קיין האניג. און—ווער שמועסט אין די אלע „דדרים" וואו איך בין מגולגל געווארען מיט מיינע רבים, און מלמדים האב איך געהאט א סך. אלע „זמן" א אנדערן, וויל מיין מאמע האט זיך דוקא געוואלט מאכען פאר א רב, און האט גערעכענט, אז די בעסטע סגולה דער צו איז: צו בייטען אלע מאל די מלמדים. פערשטעהט זיך, אז מיט יעדען נייעם מלמד בין איך מגולגל געווארען אין א אנדער „חדר". און אזוי האבען זיך אנגעהויבען מיינע נסיעות: פון רחל דער טיקערין צו שרה דער הייוועגמאכערין, פון שרה דער הייוועגמאכערין—צו חיים בויבריקער, צו פיני דער

קאַראַלאָפּניצע א. ז. וו. אין די אַרע ענגע, נאַסע, קאַלטע, שמוציגע שטובליך האָב איך מיך געגוג אָנגעזעהען עלענד, נויט און דחקות טאַקע, ווי מע זאָגט, אויפ׳ן פּוד.

נאָך אַצינד לויפט מיר דורך אַ שוידער איבער׳ן לייב, אַז איך דערמאָהן זיך אין די הונגעריגע קינדער פונ׳ם בעל-הבית אָדער פון דער בעל-הביתטע פונ׳ם „חדר״. די קינדער פּלעגען אונז קוקען גלייך אין די אויגען אַריין מיט זייערע זשאַדנע אייגליך, ווען מיר פּלעגען עסען אונזער וואַרימעס. פערשטעהט זיך, אַז קיין סעודת-מלכים האָבען מיר ניט געגעסען. אַ וועדעלע פון אַ הערינג אָדער עט-ליכע ניס, אַ האַלבען עפּיל, אַ אָנגעשמירט שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ אָדער מיט האָניג-אַט דאָס איז געווען געוועהנטליך אונזער וואַרימעס. און וואָס האָבען די קינדער ניט געטהון, זיי זאָלען בעקומען פון אונז אַ שטיקעל ברויט, אַ האַלבע ניס, אָדער די שאָלעכטס פונ׳ם עפּיל! זיי זענע געלאָפען צוליעב אונז אין פייער און אין וואַסער, אונז אונטערגעטראָגען אַ טרינק וואַסער, אַ ביסיל וואַלץ. זיי זענען אונז געקראָכען אונטער די נעגעל. אַ גאַנצען טאָג האָט מען די האָפּטע ניט געזעהן; זיי זענען געלעגען ערגיץ פער-שטעקט אונטער׳ן אויווען, נאָר, אַז ס׳איז געקומען די צייט פון אונזער וואַרימעס עסען, האָט זיך די גאַנצע מחנה אַראָבגעיאָוועט, ווי די הייזשעריקען, מיט די אויפגעשפּאַלטענע, שמוציגע העמדעליך מיט די פּופּיקליך אין דרויסען. מיט די אויפגעשטעלטע הענטליך און מיט די שזאַדנע אייגליך-האָבען זיי בּיי אונז פּשוט דעם ביסען פונ׳ם מויל אַרויסגעריסען.

ווי פערוואונדערט בין איך אָבער געווען, אַז איך האָב דאָס אַלעס ביי לייבקען ניט געזעהן. דאָס הייסט: אָרימקייט, עלענד און נויט איז ביי לייבקען אויך געווען געגוג. מען קאָן שוין פערשטעהן דערפון, אַז אַ מענש קאָן זיך אונטערנעמען, צו ליידען פון אַ מלמד מיט אַ צעהנדליג קינדער אַ גאַנצען טאָג, אַ שטיק נאַכט און פאַרטאָג, אין אַ משך פון אַ גאַנצען „זמן״, פאַר 7—8 רובּער (דאָס

איז די געוועהנליכע שכירות, וואס מען צאהלט אין תאמשיוואטע פאר א „חדר").

נאר ביי לייבקין האט מען ניט ארויסגעזעהן דעם שרייענדיגען, שפלותדיגען, שמוציגען דלות, ווי אין די איבריגע „חדרים". מ'האט בעשיינפערליך ארויסגעזעהן, אז לייבקע האט זיין בני-בית גוט אויסגעמושטירט און אויסגעלערענט ליידען און שווייגען, האלטען בעגראבען דעם דלות ביי זיך און איהם ניט ארויסשטעלען פאר א וויוועסקע.

קינדער זענען פארט ניט מעהר ווי קינדער. ס'האט זיך דאך א מאל געקאנט טרעפען, אז לייבקים קינדער זאלען אויסשטארצען די אויגען און קוקען אונז גלייך אין מויל אריין, ווען מיר האבען געגעסען אונזער וואריםמעס. לייבקים ווייב אבער פלעגט דאס תכף בעמערקען, טהון אויף זיי א בייזען קוק און זיי פלעגען באלד פערשווינדען ווערען, אז מ'האט ניט געוואוסט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען.

ווי געזאגט, אויף ארימקייט בין איך געווען א גרויסער מבין. א סך מאל האב איך געזעהן ביי לייבקין דעם גרויסען נס, ווי מיט א קליין שטיקיל שווארץ ברויט האט לייבקים ווייב אנגעהאדעוועט אלע קינדערליך. זי האט געשניטען קליינע שטיקליך, ווי לעקיך און האט יעדען קינד געגעבען אין הענטיל א שטיקיל ברויט. די קינדער האבען געקוקט מיט א פראגע אויף די שטיקליך ברויט און אויף דער מוטער. איך האב גוט איבערגעלייענט אין זייערע אייגליך די פראגע: „מאמע, וואס קאן קלעקען אזא שטיקיל ברויט?" די מוטער האט אויפגעצויגען מיט די אקסלען און אוועקגעקעהרט דאס פנים. די קינדער האבען א פנים פערשטאנען די שטומע-תשובה: „מעהר איז נישטא", און האבען זיך געזעצט אין די ווינקעליך, האבען זיך גענעמען שטיל, טרויריג עסען יעדער זיין שטיקעלע ברויט און-שא.

אין אזא טאג פלעגט זיך לייבקע ליגען ערגיץ אין א ווינקעלע

צונויפגעקוטשעט, צוגעדעקט מיט זיין אלטען בורנוס, געהאלטען אפען א ספריל, אין וועלכען ער האט גיט געלייענט, און זיינע אויגען האבען געפונקעלט מיט א קאלטען בלעסק. דענסטמאל פלעגט ער מיט קיינעם קיין ווארט ניט רעדען.

דערפאר אבער, אז סיהאט זיך געמאכט א מאל, אז ביי לייבקען אין קעשענע זענען געווען איבריגע קאפיקעס, - דענצמאל פלעגט לייבקע ווערען מיט זיינע קינדער א גאנצע שמעלקע: טרייבען מיט זיי קאטאוועס, נעמען זיי אויף די הענד, קויפען זיי קאנפעקטען אדער עפיל.

נאר לייבקיס קינדער זענען געוואהנט געווארען מעהר צו הונגערען, ווי צו עסען. זיי האבען ניט געקאנט זיין פרעהליך און לעבעדיג, ווי אנדערע קינדער. זיי זענען מאקע געקראכען צו זייער פאטער אויף די קניעס, געקושט און געהאלזט איהם, נאר אין זייערע בלאסע, אונבלוטיגע פנימליך, אין זייערע אויסגעלאשענע אייגליך איז געווען אזוי ווי אויסגעגאסען די פראגע:

— מילא היינט איז דא ברויט מיט קאנפעקטען, אבער מארגען?... מארגען וועלען מיר דארפען ווייטער הונגערן?...

לייבקע האט דאס א פנים איבערגעלייענט אין זיינע קינדערס אייגליך, ווייל דער בלעסק פון זיינע אויגען איז פלוצים געווארען קעלטער, טונקלער און ער פלעגט אין דער גיך ארויסגעהן פון דער שטוב.

III.

לייבקע האט זיך געהאט געבען דער שטוב זיין קעמעריל, וואו ער פלעגט ארבייטען וואטען.

איך האב זעהר ליעב געהאט, ווען דער רבי פלעגט זיך פערזאמען ביים עסען און די יונגליך זענען ארומגעלאפען איבר'ן הויף, צו שטעהן און קוקען אויף דער טיר פונ'ם קעמעריל, ווי אזוי לייבקע טענצעלט זיך אונטער אויף דעם שטעקען, וואס

הענגט געבען העדיל. מיט דעם בויגען איז דער האנד גרימפּעלט ער דעם פלוג און עם פליהעט א שניי פון קרייגענקע, ווייסענקע שטיק-ליך וואטען.

לייבקע האָט זיך געאַרבעט פּאַוואָלע, אונטערגעטענצעלט, געקנייטשט דעם שטערן און געקוקט מיט זיינע טיעפע, טרויעריגע אויגען אויף די שטיקליך וואטען, וואָס טראָגען זיך אין דער לופטען.

איינמאָל, ווען לייבקע איז געשטאַנען און געאַרבעט, איז אַריינגעקומען א קרעמעריל קויפען וואטען.

— איהר וועט קיין פעראיבעל ניט האָבען, אַז איך וועל אייך עפּיס פרעגען? — האָט דאָס קרעמעריל געפרעגט.

— עט, וואָס איז סיך פעראיבעל האָבען — האָט לייבקע גע-ענטפערט און געזייעט די ווערטער דורך די ציינער. — ווערט עס זיין א גלייכע זאַך — איז זיך ניטא וואָס פעראיבעל צוהאָבען; אַלאָ טאָמער וועט עס זיין א נאַרישקייט, נו וואָס איז? ס'איז דאָך דאָ מעהר נאַראָנים, ווי קלוגע.

— זאָגט מיר, ה"ר לייבקע, איהר זאָלט מיר געזונד זיין, וואָס האָט איהר זיך גענומען גראָדע צו וואטענמאַכעריי?

לייבקים ליפּען האָבען קוים־קוים געטהון א שמייכעל.

— פערשטעהט איהר, מיין פריינד, — האָט לייבקע געענטפערט אונטערטענצלענדיג זיך אויף דעם שטעקען — וואטענמאַכעריי איז זעהר א פרעהליכע מלאָכה.

דאָס קרעמעריל האָט אויסגעגלאַנצט א פּאָר אויגען.

— אָט זעהט איהר — האָט איהם לייבקע ערקלערט — א אַנדערע מלאָכה קאָן מען אַרבייטען און זיין מרה־שחורהדיג; ביי דער אַרבייט אָבער — מוז מען טאַנצען אפילו ווען דאָס האַרץ זאָל צוגאָסען ווערען פאַר געוויין.

לייבקע האָט דערביי אפילו קיין שמייכעל ניט געטהון.

שפּעטער מיט עטליכע טעג.

איך געה פונים אָנבייטען אין חדר אַריין. אין גאַס איז

פרעהליך. עס געהט קהל מיט „נאטשאלסטווא״. מען טראגט סאמא-
ווארען, בענש-לאכטער, קישעליך, בעלי-בתישקייט-משכנות פאר
נאלאג. עס לויפט נאך א גאנצע חאפטע קינדער. ס'הערט זיך א
געפילדער:

— איהר מיינט, איך וועל שווייגען? איך וועל לויפען צום גו
בערנאטאר, צום קייסער, פאר וואס קומט מיך צו ראביווען? איך
בין איין אלמנה מיט קליינע קינדער.

דער קהליסמאן שמייכעלט זיך איראניש, ענפערט אפילו ניט
און ווייזט די סאטסקעס, זיי זאלען נעמען א קישען אדער עפים
אנדערש.

איך קום אין חדר אריין.

לייבקע איז נאר וואס געקומען פון דער גאס. ער רייבט זיך
די הענד, קנייטשט דעם שטערין און זאגט דעם ווייב:

— אט ווייסט דו וואס, ציהאן רייגע ציכליך אויף די קישעליך!
דאס ווייב קוקט איהם אן פערוואונדערט.

— פערסטעהסט, מען וועט א באלד קומען נעמען ביי אונז
א משכון פאר נאלאג, לאז מען האטשע טראגען רייגע קיסעליך.

דער דאנערשטאג איז געווען ביי לייבקען אלעמאל א שווע-
רער טאג.

מען דארף אנגרייטען אויף שבת, און קיין מזומנים איז נישטא.
לייבקע פלעגט אלע מאל געהן אין גאס, א היים קומען,
שושקען זיך מיטן ווייב און ווייטער געהן אין גאס אריין. אויף די
סודות בין איך געווען א געזונטער מבין: מסתמא וואו ס'איז
איהם געקומען א קערביל-האט מען ניט געקאנט אבנעמען, און וואו
ער איז געגאנגען חאפען א גמולת-חסד, האטין איהם אבגעזאגט.

גראדע אין אזא דאנערשטאג, ווען לייבקע האט זיך געבוירט
דעם קאפ, וואו בעקומט מען ערגיץ א גמולת-חסד אויסצופיהרען
דעם שבת, האט דער שמש אריינגעבראכט לייבקין א חתונה בי-
לעט, אויף וועלכען עס איז געווען אנגעשריבען דער געוועגליכער

נוסח: „להנגיד ה״ר לייב וואטענמאכער עם זוגתו וכב״ב״.

לייבקע נעמט דעם בילעט, לייענט איבער און געהט צו צום ווייב.

— זעהסט דו, מיין ווייב, ווי מען דארף גאר ניט זארגען? דאס ווייב גלאנצט אוים אויף איהם די אויגען.

— זעהסט דו, ווי מען סרייבט אין בילעט?— ערקלערט ער איהר— „להנגיד ה״ר לייבקע״! איך האב גערעכענט, אז די וועלט ווייסט, אז איך בין א קבצן: אבער כל־זמן די וועלט רעכענט מיך פאר א נגיד—וואס־זסע האב איך צו זארגען? צו וועמין איך וועל צוגעהן—וועט ער מיר לייען א גמולת חסד: ווער זאגט דען אב א נגיד?

— אבער וואו נעמט מען אויף שבת?

— דאס בלייבט טאקע א קשיא.

IV.

עטליכע יאהר זענען איבערגעגאנגען.

איך בין ארוים פון די „קינדערשיכליך״, חתונה געהאט, געווארען א בעל־הבית, אריין אין מסחר וועלט, דאך האב איך לייבקין די גאנצע צייט פון די אויגען ניט פערלוירען. איך פלעג אפט זיך בעגעגענען מיט איהם אין בית־המדרש, שמועסען מיט איהם פון וועלט זאכען אדער פון דברי־תורה. לייבקע פלעגט אויך צו מאל קומען צו מיר. מיט דער צייט איז ער געווארען ביי מיר א שטיקעל „בן־בית״. פלעגט קומען שבת־צו־נאכט׳ס אויף טיי, און א מאל אזוי אין מיטען דער וואך.

איך פלעג זעהר ליעב האבען הערען לייבקעס „מעשיות״. זיין ארט דערצעהלען איז געוועזן שטיל, קוים־קוים, וואס מען הערט, מיט א פויזע כמעט נאך יעדער ווארט, אהן א שום שמייכערע אויף זיינע בלאסע ליפען, נאר אין זיינע אויגען פלעגט קוים־קוים לייכטען א פונק פון איראניע.

לייבקע האט זעהר גוט געקאנט אונזערע קליינשטעדטילדיגע

„גבירים און בעל־טובהניקים״. וואָס דאָס רוב פון זיי, זענען רייך געוואָרען פון פּראָצענט און וואַכענגעלד אין, פערשטעהט זיך, אַז אַזוינע פּיאַווקעס, וואָס זענען געוואָהנט נאָר צו זויגען אָרימע־לייטס בלוט, די קאָנען בשום אופן ניט געבען. און דאָס רוב פון זיי זענען טאַקע גרויסע „דברים אחרים״. צו מאָל, ווען ער איז געווען אויפגעלעגט, פלעגט ער זיך פערגינען צו געבען אַזאַ מין „גביר״ „אַ שנאַל איבער דער נאָז״ מיט אַ „מימראַלע״.

איינמאָל טרעף איך לייבקין אין בית־המדרש זיצען און רעדען מיט איינעם פון דעם סאָרט „גבירים״, אַ יוד אַ למדן, אַ מיוחס, נאָר אַ גרויסער בלוט־זויגער, וואָס ער האָט זיך ערוואָרבען זיין פערמעגען פון וואָכענגעלד. זיי האָבען געשמועסט פון עירובין.

— ס׳איז מיר אַ שטיק פּליאה, — האָט זיך אָנגערופען לייבקע שטיל — כדי מען זאָל מעגען טראָגען אום שבת, האָבען אונזערע חכמים מתקן געווען אַ עירוב — אַ סטריקעל, און, כדי מען זאָל מעגען נעמען עסקא, האָבען זיי מתקן געווען אַ שטר מיט היתר־עסקא. וואָלט דען ניט גלייכער געווען, זיי זאָלען געווען מתקן זיין, אַז אויף צו טראָגען דאַרף מען האָבען אַ שטר און דעם בעל־עסקא זאָל מען געבען דאָס סטריקעל?

דער עושר איז קיין נאַר ניט געווען און האָט ניט איבערגעפרעגט: צו וואָס טויג דעם בעל עסקא דאָס שטריקעל.

איינמאָל האָב איך גראָדע עפּיס געדאַרפט האָבען צו לייבקין, און ער איז געקומען צו מיר אומגערעכט.

— גוט וואָס איהר זענט געקומען — האָב איך איהם געזאָגט — איך דאַרף האָבען פון אייך אַ טובה.

— אַ ציקאַווע זאַך! — האָט זיך לייבקע אָנגערופען. — צו וואָס טויג אייך זויערע איגערקעס?

— איהר האָט פערהערט. איך זאָג: איך דאַרף עפּיס אַ טובה, ניט קיין איגערקעס.

— גלויבט מיר, איך בין ניט טויב. איך ווייס וואָס איך זאָג.

א טובה — הייסט זויערע איגערקעס.

איך האב געקוקט פערוואונדערט אויף לייבקן.

— פערשטעהסט איהר מיך — האט זיך לייבקע אנגערופען — איך בין צוריק מיט עטליכע וואכען געפאהרען קיין ק. אונזער גביר ה"ר שמואל פלאם, האט געדארפט שיקען אהין זיין פרוי מיט דער טאכטער און מיט א קראנק קינד און האט מיך געבעטען, איך זאל השגחה געבען אויף זיי. פערשטעהסט זיך, אז איך האב געהאט מיט זיי א גאנצען וועג צו זינגען און צו זאגען: נאנטשע זיך מיט'ן קינד, טראג זיך מיט זייער באגאזש, בעדיען זיי, דערלאנג זיי. אז גאט האט מיר שוין געהאלפען, איך האב זיי שוין צוגעפיהרט צו דער סטאנציע, האבען זיי מיר אויסגעשיט א גאנצען זאק מיט דאנקען.

— ה"ר לייבקע, מיר וועלען אייך קיינמאל ניט פערגעסען, ה"ר לייבקע, מיר וועלען אייך די גרעסטע טובה אבטהון.

איך האב גענומען דעם זאק מיט דאנקען און די „גרויסע טובה" און אריינגעלעגט אין קעשענע אריין. איך האב אנגעהויבען קלערען, אויף וואס קאן איך די טובה אויסבייטען. איך האב גוט געוואוסט, אז איך וועל צוקומען צו ר' שמואל פלאם, ער זאל מיר לייהען פינפאונצוואנציג רובל אויף וואכענגעלד, וועט ער גע-ווים ניט וועלען, ווייל ער ווייסט, אז איך בין, לא עליכם, א גרויסער קבצן. לייהען אזוי א גמולת חסד וועט ער בוודאי ובוודאי ניט וועלען. מילא וואס, טראג איך מיך אזוי ארום מיט א טובה, איין אבן־טוב, וואס ס'איז נישטא קיין בעלנים דערויף. — ערשט נעכטען געה איך דורך שמואל פלאם, הער איך דאס ווייב זיינס שרייט צו מיר:

„ר' לייבקע, ר' לייבקע! מיר האבען נאר וואס אויפגעעפענט א פעסיל זויערע איגערקעס. שיקט צו אונז נאך איגערקעס. — דעמאלט ערשט בין איך געוואהר געווארען, אז א טובה הייסט־זויערע איגערקעס.

א שטיק צייט האב איך לייבקען ניט געזעהן.

איך האב נאכגעפרעגט אויף איהם און בין געוואהר געווארען אזא געשיכטע:

ביי לייבקין האט זיך געדארפט מאבען, מען זאל זיינע צוויי זוהן אבגעבען. איינער האט געדיענט ערגיץ ביי דער פערסישער גרעניץ. פלוצים קימט אן א בריעף פון איהם, אז ער איז קראנק. לייבקע ענפערט, שיקט א בריף נאך א בריף, שרייבט אין פאלק און–קיין שום תשובה. לייבקע, באין ברירה, האט געמוזט בעשליסען אליין צו פאהרען, זעהן וואס ער טהוט; ער האט פערזעצט וואס ער האט נאר געקאנט, „געליהען" ביי זיינס א מיידעל, וואס האט געדיענט, עטליכע רובּיל און האט זיך געלאזט פאהרען קיין קאווקאז.

איך בין גראד דעם טאג דורכגעגאנגען, ווען לייבקע האט זיך אויפגעזעצט אויף דער פוהר, צו צופאהרען צו דער נאהענסטער סטאנציע.

— זייט געזונד!—האט ער מיר אין דערגיך אריינגערוקט די האנד.

— פאהרט געזונטערהייט! וואוהין פארט איהר ערגיץ?

— עט. איך פאהר זיך א ביסיל דורך; איך זאל האבען אפעטיט צום עסען—האט מיר לייבקע געענפערט מיט א ביטער שמייכעלע.

קיין זיפץ, קיין קרעכץ.

ערשט שפעטער מיט א פאר חדשים, אז זיין זוהן איז א היים געקומען געזונד, האט מיך לייבקע בעגעגענט און געזאגט:

— איהר ווייסט, איך האב א גאסט? מיין זוהן איז א היים געקומען פון סלוזשבע!

— מזל טוב אייך!—האב איך איהם געענפערט און געדריקט װארים די האנד.

— נאר דער פאר האב איך איהם תיכף מכבד געווען מיט א סעודה לפי כבודי.

— דְהַיינוּ ?

— ער איז אַ הײם געקומען אין תִּשְׁעָה בְּאָב , האָב איך איהם תֵּיכֶף מְכַבֵּד געוועזען מיט אַ תַּעֲנִית.

V.

מײַנע געשעפטען האָבען מיך דערוויַיטערט פון מיין הײם. גאַנצע צעהן יאָהר האָב איך מיין געבורטס שטאָדט ניט געזעהן.

דעם ערשטען וויזיט האָב איך געמאַכט דעם אַלטען בֵּית־הַמִּדְרָשׁ , צודערפרישען מײַנע יוגענד־זִכְרוֹנוֹת.

ווי טרויעריג און חַמַארנע איז מיר געוואָרען אויפ'ן האַרצען :

וואו זענט איהר ערגיץ די טײַערע , בעקאַנטע שאָטענס פון דער פערגאַנגענער צײַט ?

„אַנדערע צײַטען־אַנדערע פײגעל , אַנדערע פײגעל־אַנדערע לידער".

דער גרעסטער טײל פון מײַנע אַלטע בעקאַנטע האָבען שוין לאַנג אָבגעענדיגט זײערע חֶשְׁבּוֹנוֹת דאָ אויף דעם עוֹלָם הַשָּׁפָל און רוהען אוים אַצינד זײערע מידע בײנער אויף דעם תַּאמשעוואַטער בֵּית־הַקְּבָרוֹת .

איך קוק מיך אַרום. סאַמע פָּנִים חֲדָשׁוֹת !

אויף ר' זַנווילעס „שטאָדט" זיצט אַצינד אַ יודיל מיט אַ שוואַרץ ציגענבערדיל מיט צוויי שוואַרצע , געקרײַזעלטע פּאהקעליך ; אָנגעטהון אין בִּגְדֵי מֶשִׁי מיט אַ זײַדען גאַרטילע . ער שטעהט און שאָקעלט זיך און מאַכט משונה׳דיגע הַעֲוָיוֹת . איך קוק מיך אײַן אין זײַן פַּרְצוּף און גיב אַ פלעסקע מיט די הענד .

— סְטײַטש , ס'איז זיך משה , אונזער קאָמיקער ! אונזער פּאַרטנִיאָר אין די קאָרטען ! איין קונצלער , צו מאַכען 4 מיידליך , 4 מַלְאָכִים , 4 טאַאַז ! ווי אַזוי איז ער פְּלוּצִים אַרײַנגעקראָכען אין בִּגְדֵי מֶשִׁי און אַריין צְווִישען די כְּלֵי־קֹדֶשׁ ?

איך קוק מיך אין איהם גוט אײַן . אָט־דאַכט זיך מיר־וועט

ער ארויסשטעלען אַ לעקער, ווי זיין טֶבע איז. ער וועט זיך מיר צולאַכען אין די אויגען און וועט מיך פרעגען: „נו, וואס זאגסט דו, בין איך אַ גוטער אַקטיאָר?“ נאָר ער האַלט זיך אין איין שאָקלען, דאַווענט שטאַרק פֶערדבֶקָהיט, טענצעלט זיך אונטער, הייבט אויף אַלע מאָל צו דער סטעליע אַ פערמאַכטען קוּלאַק און קוקט מיך גאָר ניט אָן. ערשט, אַז ער קומט צו אַזאַ אָרט אין דאַווענען וואו מען מעג מפסיק זיין, קעהרט ער זיך אום צו מיר מיט אַזוינער פָנִים, האַלט די אויגען אַראָבגעלאָזט און ריקט מיר אַריין אַ קאַלטען שָלום עֲלֵיכֶם.

איך קוק ווייטער:

ר' ישעיה מאָסקווער איז שוין אויך נישטאָ. אויף זיין „שטאָדט“ זיצט עפּיס אַ יודיל אַ נידריגס, אַ בייכיג׳ס, מיט אַ פערגאָלדעטער „עטרה“, מיט אַ שפּיציכדיגער יאַרמאַלקע. ער צושרייט זיך אַלע מאָל פון זיין „שטאָדט“ מיט אַ באַסאָווע שטומע.

— מָרדכַי!

און מָרדכַי ליטוואַק דער שמָש קומט, צולויפען, שטעהט פאַר איהם אויף די נעגעל.

איך קוק מיך איין אין זיין פּרצוף.

דאַכט זיך עפּיס אויך אַ קענטליכע צורה. חיים משה מָרדכַים: אַ געוועזענער מְשָרת, אַ בֶן חֲיָתִים.

איך ווענדע מיך צו מיינעם אַ בעקאַנטען.

— „ווי קומט ער אַהער צו מִזְרח?“ — און בעקום אַ תְשובָה:

— היינט איז פאַר זיין שטוב אַ בְראָטע. ער האָט די מְמַתְקִים.

— נו!...

— נו, כֶסֶף וְזָהָב איז טייערער פון מַמְזֵרִים.

בעריל „שגץ“ איז שוין אויך נישטאָ. אויף זיין „שטאָדט“ זיצט עפּיס אַ עופות שוחטיל.

דער רבי ר' אייזיקיל איז שוין אויך נישטאָ. ער מוז אַצינד בְוַדַאי זיצען אין גַן-עֵדֶן און דערצעהלען דאָרטען די נְשָמות

מעשיות פונם עולם השפל, וואו ס'איז דא מענשען פון בלוט און פלייש, וועלכע טהון אלע פסדנות איבער א שטיקעל ווייס מעטאל, וואס מען רופט עס „רובל". די נשמות האבען אבער שוין אין גאנ-צען פערגעסען דעם עולם השפל. זיי גלויבען ניט דעם רבין ר' אייזיקיל און האלטען איהם פאר א „מגוים", א „ליגנער".

נאר מיין גראבער, פעטער עושר, שלומה פיקים, זיצט נאך אויף זיין „שטאדט" און חזרט איבער מיט א משכיל זיין חכמה. ער פרעגט און יענער ענטפערט:

— דו ביזט איין אפיקורס?

— יא.

— נו, אין דאווענען דאווענסט דו גאר ניט?

— ניין.

— און מנחה-מעריב אויך ניט?

— ניין.

א. ז. וו.

מיין מעריב זייט איז פוסטע, לעדיג. לייבקע וואטענמאכער איז שוין אויך נישטא.

— דו אינטערעסירסט זיך דאך מיט לייבקין-זאגט צו מיר מיין בעקאנטער-וועל איך דיר דערצעהלען זיינע לעצטע ווערטער. פארן טויט האט לייבקע צונויפגערופען זיין ב"ב און האט זיי געזאגט:

— „זאגט דער שטארט, לאז מען דינגען בליזמר".

זיין ב"ב האבען געמיינט, אז ער איז צומישט.

— פארשטעהט איהר מיך-האט לייבקע זיי אויפגעקלעהרט-זיי דארפען זיך פרעהן, וואס זיי פטר'ן א ארימאן פון שטאדט.

לייבקע איז געשטארבען, אזוי ווי ער האט געלעבט, אהן א קרעכץ, אהן א זיפץ.

נִיטְשֶׁעס תַּלְמִיד

I.

אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעקָאנט נָאךְ אַלְס קִינְד. עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען מַיין חַבֵר אִין חֵדֶר.

אַ קְלֵיינִיקֶער, אַ דַארֶער, אַ שְׁוַוארְצֶער, אַ שְׁוַואכֶער; נָאר זַיינֶע וָועלְפִּישֶׁע צֵייהְן אוּן זַיין אוּנְגֶעאַייֶערֶער אַפֶּעטִיט אַלְסְדִינג צוּפֶערְשְׁזֶערֶען, הָאט זִיךְ נָאךְ דֶערְצֶעמָאלְט אִין שְׁוַואכֶען קִינְד אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען.

עֶר אִיז גְרַאדֶע נִיט גֶעוֶוען קָארְג אוּן קַמְצָנִישׁ פַאר זִיךְ, ווִי דָאס רוֹב פוּן דִי, וואָס דָאס גֶעלְד אִיז בַּיי זֵיי דֶער תַּכְלִית פוּן זֵייעֶר לֶעבֶּען, אוּן זֵיי קָאנֶען זִיךְ נִיט פֶערְגִינֶען אַפִילוּ אַ קָאפִּיקֶע אוֹיסְצוּגֶעבֶּען, כְּדֵי עֶס זָאל, חָלִילָה, נִיט נֶחְסַר וֶוערֶען פוּנ'ם גֶעלְד.

עֶר פַאר זִיךְ הָאט זִיךְ אַלֶעס פֶערְגִינְנֶען; עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט אַלֶעס, יֶענֶער-גָאר נִיט.

אַז אַיין אָרִימַאן אִיז גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר בֶּעטֶען אַ נְדָבָה, הָאט עֶר גְרַאדֶע אַ מָאל גֶעגֶעבֶּען אַ גְרָאשֶׁען, וַוייל אַ נְגִידִישׁ קִינְד דַארְף גֶעבֶּען אַ נְדָבָה; נָאר זַיין הַארְץ הָאט תָּמִיד גֶעשְׁווִיגֶען אוּן אִיז גֶעבְּלִיבֶּען קַאלְט, וֶוען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְשֶׁע הֶערְצֶער זֶענֶען גֶעווָארֶען וַוארִים אוּן הָאבֶּען זִיךְ צוּפְלַאמְט.

נִיט אַיינְמָאל פְלֶעגְט זִיךְ מַאכֶען, אַז אַ גַבַּאיְטֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין חֵדֶר אַרַיין בֶּעטֶען אַ נְדָבָה פַאר אַ אָרִימֶער קְרַאנְקֶער אָדֶער

פאר א אלמנה מיט קליינע קינדערליך. זי פלעגט אונזערע קינדערשע הערצליך אזוי צובערעכען און דערווארעמען מיט איהרע רייד, אז מיר האבען אוועקגעגעבען אלע אונזערע קאפיקעס, און איינינע פון אונז—אפילו די קאפיקע, וואס זיי האבען געדארפט אויף ווארימעס. אז ס'איז אבער געקומען דער אטשערעד צו שלמה'ן, האט ער קאלט אויפגעפענט דאס באטעלע ארויסגענומען א קאפיקע און געגעבען דער גאביטע.

— סטייטש, שלמהלע! —האט זיך די גבאיטע געחידושט— קוק אן, אט האבען זיי מיר אלע געגעבען צו 3 קאפיקעס, וואס זייערע טאטעס פערמאגען אפילו ניט דיין טאטענס מיסט, און דו גיסט נאר איין קאפיקע?

— אז איהר ווילט ניט,—נעמט ניט.—האט שלמה געענפערט שטיל און איז שוין געוועזען פארטיג אריינצולעגען די קאפיקע צוריק אין קעשענע אריין.

ער האט קיינמאל ניט געליגען זיין חבר קיין קאפיקע, ווען ער איז ניט געוועזען זיכער, אז ער וועט די קאפיקע צוריק בעקומען. כאמער האט ער אויפ'ן הונדערטסטען פאל איבערגעטראכט, אז די קאפיקע קאן חלילה פערפאלען ווערען,—דענצמאלט האט געמעגט זיין אויף זיין חבר די גרעסטע נויט, און שלמה האט זיך געענפערט קאלט בלוטיג: „איך קאן ניט לייהען". און, אז ער האט געזאגט ניין,—איז שוין געבליבען ניין, ווען אפילו דאס גאנצע חדר האט געבעטען. ווייך מאכען זיין הארץ, דערוועקען ביי איהם רחמנות —דאס איז געוועזען אונמעגליך. מ'האט גיכער געקאנט צו רירען א שטיין, א טויטען.

נאר טאמער האט ער געדארפט עפים אויסנארען ביי איין יונגיל, האט ער עס אזוי קינצליך אבגעארבעט, אז דאס יונגעל האט זיך געמוזט צו איהם פאפאדען. דערויף איז ער געוועזען א תריף. מען קאן ניט זאגען, אז ער האט בענוצט תנופה אדער זיך אונטערגעלעגט מיט בקשות; ער האט נאר קוים—קוים געמאכט

ווייכער אביסעלע דאס קול, אויף אווילע בעהאלטען זיינע שארפע שפיציכדיגע נעגעל. ארויסגעשטעלט סאמעטענע, ווייכע לאפקעליך ווי א קאץ, און אין איין אויגענבליק האט ער שוין אבגעמאכט זיין געשעפט. צו ער האט געהאט א מאגיט אין די אויגען, צו אין קול, — נאר ער האט תמיד געפועלט, וואס ער האט געוואלט.

שפעטער מיט אווילע האט זיך דאס יונגעל ארומגעקוקט, אז ער האט געמאכט א שלעכטען מסחר, אז שלמה האט איהם אפגענארט; נאר דאס יונגעל האט שוין געמעגט שרייען חי וקים. דאס וואס שלמה האט איינמאל געפאקט אין זיינע הענד, האט ער שוין בשום אופן ניט צוריקגעגעבען. דאס יונגעל האט געמעגט דערצעהלען דעם רבין, — דער רבי האט זיך געמיינט בייזערען, הייסען שלמה'ן אומקעהרען, וואס ער האט גענומען, ער האט זיך געהאלטען ביי זיינעם:

— איך האב איהם ניט געבעטען, ער האט אויגען, — האט ער בעדארפט זעהן, וואס ער טהוט.

און אויף מארגען שטעהט ער שוין מיט איין אנדער יונגעל און מאכט שוין א נייעם מסחר. מיר שרייען און ווארענען דאס יונגעל:

— וואס טהוסט די, פעטיך! ער וועט דיך אבנארען, ווי ער האט נעכטין אבגענארט יוסיל חיים-בערים!

נאר דאס יונגעל האט זיך שוין פאפאדעט אין שלמה'ס לאפקעס; ער וויל אונז גאר ניט הערען און ענטפערט אונז מיט כעס:

— ס'איז ניט אייער עסק! ער וועט מיך ניט אבנארען.

II.

מיר זענען געווארען עלטער, געווארען משכילים, אנגעהויבען לייענען טרפה-פסול'ן און, פערשטעהט זיך, אז מיר האבען געוואלט ארונטערנעמען אונטער די פליגעל פון דער הייליגער השכלה די גאנצע וועלט. מיר האבען געוואלט „אויפעפענען די אויגען פון אונ-

זער פאלק, וואס שלאפט נעביך אין דער פינסטערניש". מיר, אזוי ווי אלע משכילים פון יענער אלטער, גוטער צייט, זענען געווען ברייט תמיד מלחמה צופיהרען פאר דער "הייליגער" השכלה. קיין שום קרבן איז אונז ניט שווער געוועזען. אונזערע יונגע הערצער האבען געפלאמט, געפלאקערט: "אויפוועקען דאס פאלק, אויפרייסען די בלינדע אויגען, פערשפרייטען ליכט, בילדונג"! — אט דאס איז געווען אונזער ציעל! און מיר האבען זיך געראנגעלט, מלחמות געפיהרט און, ווי עס פערשטעהט זיך אליין, ניט תמיד מנצח געווען. פיעל מאל האט דאס "פינסטערניש" גובר געווען, און דער "שונא" האט פערנעמען אין "געפענקעניש". אונזערע קליינע, טייערע ספרימליך. און מיר האבען געמוזט צוזעהן מיט אונזערע אייגענע אויגען, ווי מ'האט געברענט אונזערע השכלה-ספרימליך. און די אלע טייערע פראגע, אויסרוף-צייכענס, שטעגע, קליינע זאפיאטייעס, מאטשקעס און פינטעליך זענען ארויף מיט דעם פלאם גלייך אין הימעל אריין, טאקע ווי די אמתע "קדושי עליון". און אונזערע הערצער האבען זיך בעגאסען מיט בלוט; נאר דעם מוטה האבען מיר קיינמאל ניט פערלוירען, און מיר זענען תמיד געווען אנגעבגרייט צו זיין א "קרבן" פאר דער "הייליגער" השכלה.

אז מיר זענען געווארען משכילים, איז שלמה ניט אבגעשטאנען פון אונז: ער איז געווארען א משכיל גלייך מיט אונז. ער האט אויך געלייענט מיט דעם גרעסטען פערגנוגען די אלע אפיקורסישע ספרימליך; נאר ער איז אבער געבליבען קאלט, ווי זיין שטעגער איז געוועזען. פון מלחמה פיהרען, פון קרבנות ברענגען האט ער גאר ניט געוואלט וויסען.

— משוגע בין איך! — פלעגט אונז שלמה זאגען — איך זאל מיך מוסר נפש זיין צומאכען איזיק ה"ר יעקעלעס פאר א משכיל? איך פערשטעה, אז די השכלה איז גוט — בין איך א משכיל: אז ער וועט שכל האבען וועט ער אליין עפנען די אויגען, אלא ניט — לאז ער ליגען אין דער פינסטערניש און דאפט איהם דער רוח

וואס געהט עס מיך אן?

שפעטער מיט עטליכע יאהר האבען מיר זיך שוין ניט בעגנוגט מיט הוילער השכלה. מיר האבען שוין פאנטאזירט פון חלומות, צו ארבייטען פאר דעם כלל מענשען. מיר האבען ניט געוואלט לײדען, אז איניגע זאלען זיך באדען אין אלדעס--גוטים, און די איבעריגע זאלען שטארבען פאר הונגער. און מיר האבען זיך געגעבען דאס ווארט, אז מיר וועלען ווערען זעלבסטשטענדיגע מענשען, -זאלען מיר מאכען „כיס-אחד", און טאקע ווייזען בעשײנפערליך „לכל באי עולם", אז מענשען קאנען לעבען גליקליך אויף אזא אופן. פאוואלע, פאוואלע וועלען מיר דאס אײנפירען ביי אונז אין שטעדטיל, און די גאנצע וועלט, אויף אונז קוקענדיג, וועט דאס נאכטהון.

שלמה האט אויך גענעמען אנטהייל אין אונזערע יונגעלשע חלומות און פאנטאזיעס. ער איז אויך געווען פארטיג אריין אין אונזער חברה--„כיס אחד", נאר איין תנאי האט ער מיט אונז אויסגענעמען:

— אזוי ווי מיין טאטע איז רייכער פון אייערע טאטעס,--וועל איך דאך, מסתמא, נאך דער חתונה האבען מעהר פון אייך מיט א פאר טויזענד רובעל,--וויל איך, אז דאס געלד זאל הייסען מיין אייגענס, און איך זאל מעגען דער מיט טהון, וואס איך וועל וועלען. און המותר וועל איך אריינלעגען אין דער חברה--„כיס אחד" און מיר וועלען זיין גלייכע שותפים.

דער פלאן איז אונז אפילו ניט אזוי שטארק געפעלען. וואס פאר א מין „כיס אחד" קען דאס הייסען, אז ער, שלמה, וועט האבען אין דער זייט איין אייגענעם קאפיטאל, און וועט מעגען טהון דערמיט וואס ער וועט וועלען? „סמייטש, דאס איז דאך גאר אין גאנצען געגען אונזערע פרינציפען?!" נאר מיר האבען זיך געקווענקעלט, געקווענקעלט און דאך בעשטאנען. א ברירה האבען מיר געהאט? אין אונזער חברה איז געוועזען בס"ה 4 יונגליך. אז ער, שלמה, וועט אבטרעטען,--בלייבען מיר איבער אינגאנצען דריי.

וואָס-זשע וועט זיין, אַז אונזער חבֿרה וועט גאָר, חלילה, לחלוטין צופאַלען ווערען? און, באין-בריֵרה, האָבען מיר געמוזט בעשטעהן און שלמה׳ן אויך אַריינגענעמען אין דער חבֿרה.

III

עס זענען איבערגעגאַנגען נאָך עטליכע יאָהר. מיר זענען גע-וואָרען זעלבסטשטענדיגע מענשען, אַריין אין עולם המסחר, און פער-געסען אונזערע יונגעלשע פאַנטאַזיעס. דאָ, אין עולם המעשה, האָט זיך ערשט שלמהס טאַלאַנט אַרויסגעוויזען. ער איז געוואָרען אַ „וואָבענ-געלדער", ווי דאָס רוב יונגע-לייט נאָך דער חתונה. ער איז אָבער אין דעם ענין געוואָרען אַזאַ מאַכער, אַזאַ ספּעציאַליסט, אַז די אַלטע פּראָצענטניקעס האָבען נאָר געגאַפט, קוקענדיג אויף דעם יונגען צוצעק, ווי ער פערשטעקט זיי אין גאַרטעל. ער האָט חלילה, ניט געראַבעוועט, געמאָהנט צוויי מאָל אויף איין קוויטעל; נאָר זיינס האָט ער קיינמאָל ניט געשענקט אפילו אַ פערטעל קאָפּיקע עסקאָ דעסקאָ. צונעמען ביי איין אָרימאַן אַ שטוב פּאַר עטליכע קערבלעך פּראָצענט-דע פּראָצענט, איהם אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס אין מיטען ווינטער מיט׳ן ווייב און קינדער,-דאָס איז געווען ביי שלמה׳ן גאָר אַ וואָכענדיגער גאַנג.

און „גאָט האָט געבענטשט שלמה׳ס פּראַציע". ער איז אַריין, ווי מען זאָגט, אין די פעדערן, בעקומען גראָבע עטליכע טויזענ-טער. און דאָס געלד האָט זיך ביי שלמה׳ן געמעהרט, און דער אַפּעטיט האָט ביי שלמה׳ן געוואַקסען, און זיינע וועלפּישע צייהן זענען אַלע מאָל שאַרפער געוואָרען. אַרויסרייסען ביי יענעם דעם ביסען פונים מויל, אויסדינגען יענעמ׳ס אַ געשעפט, אַבי שלמה האָט נאָר געוואוסט, אַז ס׳איז אַ פּרנסה געשעפט,-דער-ויף האָט זיך בע-שטענדיג ביי שלמה׳ן געפונען אַ היתר.

און אַזוי האָט זיך שלמה געבויעט זיין גליק אויף די חרבות פון צעהנדליגער פאַמיליעס. מאַסען מענשען האָט ער געבראָכען פון

ברויט. זיינע פוטערקיכליך זענען געווען געקנייטען מיט טרערען פון די אומגליקליכע. פיעל מענשען זענען דורך איהם איבער געקומען אויף בעטיל־ברויט. נאר איהם האט דאס זעהר ווייניג גערירט. גאנץ רוהיג פלעגט ער צוזעהן פרעמדע טרערען און פלעגט זיך דער ביי זאגען בנעימות׳דיג, זיין ווערטעלע:

— דרייערליי טרערען ארט מיך ניט: אז איינער עסט פעט פלייש מיט ארבעס חריין און וויינט, אז א טאטע בענשט זיין קינד אונטער דער חופה און וויינט און, — אז יענער וויינט אויף מיר, — אבי ניט איך — אויף יענעם.

מיט־דער־צייט האט שלמה זיך צוגעלאזט צום פריץ פונם שטעטיל. דער פריץ איז געוועזען א גרויסער אויסברענגער. וויפיעל הכנסה ער האט ניט געהאט פון זיינע גיטער איז איהם אלץ געווען ווייניג, און ער איז נאך געוועזען א גרויסער בעל־חוב. שלמה האט איהם געוויזען א פלא, דורך וועלכען מען קען ביי די יודלעך פונ׳ם שטעטיל אויסקוועטשען נאך טויזענטער. פערשטעהט זיך, אז שלמה האט זיך אליין אויך ניט פערטייהלט.

און די ביידע פיאווקעס האבען זיך גענעמען זויגען דאס שטעדטיל.

און די ארימע איינוואהנער האבען זיך געלאזט מעלקען. זיי האבען געקרעכצט און געשוויגען.

אזוי פאוואלע, פאוואלע איז שלמה געווארען ביי זיך אין שטעדטיל א גאנצער מושל בכפה; ער האט אויסגעזויגט, אויסגעזויגען דאס בלוט, דעם מארך פון זיינע ארעמע ברודער אהן רחמנות. כמעט די העלפט הייזער פונ׳ם שטעדטיל זענען שוין געוועזען זיינע אדער פערזעצט ביי איהם. דער גרעסטער טהייל סוחרים און קרעמערס זענען איהם געוועזען שולדיג געלד און פעסט געליגען ביי איהם אונטערן פראלניק. מיט איין ווארט, כמעט דאס גאנצע שטעדטיל האט געהארעוועט אויף איהם.

און דאס שטעדטיל?

דאָס שטעדטיל האָט זיך געלעקט די פינגער פון זייער איי־גענעם גביר.

יעדען אורח, וואָס איז געקומען אין שטעדטיל אַריין, האָט מען געהאַלטען אין איין דערציהלען פון ר' שלמה'ס רייכקייט. מ'האָט אידם געוויזען רבי שלמה'ס הייזער, רבי שלמה'ס קינדער.

און פאַר וואָס נישט?

שלמה איז חלילה נים קיין אויפגעקומענער נחות דרגא; ער שטאַמט פון אַ שיינער משפחה, טאַקע, ווי מ'זאָגט, איינגעטונקען אין גאָלע יחוס. אַליין אי ער אויך נים קיין גראָבער יונג. ער איז אַ יודע־ספר, אַ היינטוועלטיגער משכיל, אויך נים אינגאַנצען אָבגעריסען פון יודישקייט.—קומט אָפט דאַווענען אין בית־המדרש, אַ בעל אויף אַ שיינער עליה און אַ שטיק עוסק בצרכי צבור אויך. מיט איין וואָרט: אי צו גאָט, אי צו לייט. אַ, ער איז אַ שטיקיל דבר־אחר אין געיוד זאָגען? נו, וואו איז דען דאָ אַ מענש, ער זאָל נים האָבען עפּים אַ שטיקעל חסרון?

פערשטעהט זיך, אַז ס'האָט זיך קיינמאָל נים געפונען אַ זעלכער פון די שטאָדטלייט, וואָס זאָל אויסשטראָפען אַ מאָל שלמה'ן פאַר זיינע אַבזוריות.

נאָר איינער פון זיינע אַלטע חברים פלעג זיך אַ מאָל ערלוי־בען מאַכען מיט איהם אַ שמועס:

— געוואַלד, שלמה,—פלעגט ער טענה'ן צו אידם—ווי אזוי האָט עס אַ מענש קיין גאָט נים אין האַרץ, ראַבעוועט אָהן רחמנות און צובערעכט אַזוי אָרימע־לייט?

אין יענער צייט איז שלמה געווען שטאַרק פערליעבט אין דאַרווין און פלעגט זיין חבר ענטפערן מיט אַ קרעכץ:

— וואָס קאָן מען טהון, אַז די גאַנצע וועלט איז נאָר אַ מלחמה? יעדעס בעשעפעניש פיהרט אַ מלחמת־הקיום, און מוז זיך באָרגען פאַר זיין עקסיסטענץ „כל דאַלים־גבר": ווער ס'איז שטאַרקער,—דער איז מנצח. דאָס איז דער דין פון דעם לעבען.

אַ צייט מיט יאָהרען האָט זיך דער חבר מיט שלמה׳ן ניט געזעהן, — ער איז פערוואָרפען געוואָרען אין אַ ווייט ווינקעל. אין אַ צייט ארום איז ער געראָדע ווידער מגלגל געוואָרען אין „שלמה׳ס" שטעדטיל. ער איז צו איהם אַריינגעגאַנגען.

ער קומט אַריין און טרעפט ביי איהם אויפ׳ן קאַנטאָר־טיש ליגען ניטשעס ווערק.

— וואָס הערט זיך, שלמה? — פרעגט ער איהם ביים ערשטען שלום עליכם, — דו טהוסט נאָך אַלץ דיינס? — ראַבעוועסט און נאָגסט נאָך אַלץ די יודילעך אָהן רחמנות?

— איך טהו עס אוים פרינציפּ. — ענטפערט איהם שלמה — דו ווייסט וואָס ניטשע זאָגט? „די גאַנצע וועלט דאַרף זיך מקריב זיין פאַר׳ן אָדם העליון".

דער חבר קוקט אויף שלמה׳ן, אויף דעם קליינטשיקען, דאַרען, שוואַכען יודעלע, אויף דעם „אָדם העליון" און שיסט אוים מיט אַ געלעכטער.

— וואָס לאַכסט דו? — פרעגט איהם שלמה.

— איך וואָלט מיר בשום אופן ניט געגלויבט, אַז „אָדם העליון" איז די טייטש: אַ פיער פיסענדיגער — האָט איהם געענטפערט דער חבר.

צווישען ווילדע

(פונים קוילענגאַווען.)

I.

פונף אַ זייגער אין-דער-פריה.

אַ דריבנע רעגענדיל קלאַפּט מיט כעס אויף דעם שטיינערנעם פּלאַסטער פונים קוהלענגאַווען. פון אַלע זייטען פליסען שוואַרצע ריטשקעליך. זיי ווערען בעשאַפען פונם קוהלענשטויב, וואָס מישט זיך אויס מיט דעם רעגען. דער וואָלקענדיגער, בלייערנער הימעל איז נידריג און צונויפגעגאָסען מיט'ן ים. די מאַטשטען פון די שיפען שטעכען דעם הימעל מיט זייערע שפּיצען. דער שוואַרצער רויך, וואָס זעצט פון די הויכע קוימענעס פון די פּאַראַחאָדען קריכט אויף די קוהלען בערג, וועלכע ליגען ביים ברעג, קאַטשעט זיך אין קרומט זיך קאָלוואָלסיונע. די פּאַרע, וועלכע די שיפען לאָזען אַרוים פון זיך, קוויטשעט, סוויסטשעט, הילכט און גרילצט, גלייך ווי זי ביזערט זיך אויף דער מחנה באָסיאַקעס, וואָס שטעהן ביים ברעג ים און וואַרטען אויף אַרבייט.

און די באָסיאַקעס, אָדער, ווי מען רופט זיי אויפ'ן גאַווען, די „ווילדע" שטעהן אַ גאַנצע מחנה. צווישען זיי איז דאָ פון אַלע נאַציעס: רוסען, טערקען, אַרמענער און יודען. זיי שטעהן אונטער דעם גאָס-רעגען מיט זייערע האַלב נאַקעטע בגדים. דער רעגען שמייסט זיי אין די פּנימער און דורך זייערע צעריסענע העמדליך.

גאָר דאָס געהט זיי ווייניג אָן: זיי זענען שוין דורכגעגאַנגען אין זייער לעבען „קאַלטיס און וואַרעמיס“. זיי שטעהן זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג. אויף זייערע מגושמע פּנימער ליגט אַ גלייכגילטיגקייט צו אַלעמען. זיי וואַרטען אויף די פּריקאַשטשיקעס, וועלכע דינגען זיי צו דער אַרבייט.

אין דער זייט שטעהט אַ בעזונדער קבוצל „שלומיאַליקעס“, וועלכע קומען צום גאַווען זוכען אַ טאָג אַרבייט ביי די קוהלען, ווען זיי האָבען שוין ניט קיין שום אַנדערע ברירה. צווישען זיי געפינען זיך געוועזענע סוחרים, קרעמערס, בעלי-מלאכות, לעהרערס. מיט איין וואָרט, אַזעלכע, וואָס זענען אַרויס פון דער „קאַליע“, האָבען געליטען שיפבּרוך אויף זייער לעבענס-ים, און די גרעסטע נויט, דער הונגער, טרייבט זיי אַראָב צום גאַווען. צו קיין שווערע אַרבייט טויגען זיי ניט. פון זיי ווערבעוועט מען פּאָדסקאַלגעס,[1] טאַלמעס,[2] קאָנטראָלערען,[3] מלוים[4] און שומרים.

דאָס קבוצל שטעהט צונויפגעקוועטשט, זיבענדיג איינער נע־בען אַנדערן אַ בעהאַלטעניש פאַר רעגען. און דער רעגען שמייסט זיי אין די הונגעריגע, פערשלאָפענע פּנימער, אויף וועלכע ס'איז אויסגעגאָסען די ביטערע פראַגע: „וואָס וועל איך טהון, אַז איך וועל היינט אויך ניט בעקומען קיין מאָג אַרבייט? ווי אַזוי וועל איך אַהיים קומען? וואָס וועלען די קינדערליך היינט עסען?“

ענדליך יאָווען זיך די „ברויט געבערס“: באַריסקין און פּישמאַן,

---

1) פּאָדסקאַליעס הייסען די, וואָס שטעהן ביים ברעג, ווען מען גרייזעט אוים די קוהלען. זייער אַרבייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי בעדאַרפען צונויפ־קעהרען די דריבנע שטיקליך און דעם שטויב פון די קויהלען.

2) די, משגיחים ביים וועגען.

3) די וואָס געבען אַכטונג, אַז פּרעמדע וועגעלעך זאָלען ניט פערנעמען די קיהלען.

4) די נאָכגעהערס נאָך די פיהרען קוילען, אַז מען זאָל אויפ'ן וועג ניט גנבענען.

צווי פריקאשטשיקעס ביי געוויסע קוילענהענדלער.

באריסקין איז א הויכער, א געזונטער ליטוואק. ער איז א מאל געווען א ישיבה בחור

פישמאן איז א נידעריגער מיט א שווארץ בערדיל. ער איז פון א קליין שטעדטיל אין פוילען. ער איז אראבגעקומען קיין ארעס נאך אלס קינד. פריהער איז ער געווען א שטיוועל-פוצער, דערנאך—א שטוב-משרת, שפעטער—א שומר, ביז די הצלחה האט איהם צוגע-שפילט, און ער איז געווארען א פריקאשטשיק.

מיט וואס פאר א מין קנאה קוקט אויף זיי דאס קבוציל שלומי-אליקעס!

ערשט צוריק מיט א שטיקעל צייט זענען באריסקין און פישמאן געווען הונגעריגע, בארויסע שלומיאליקעס ווי זיי, און אצינד זענען זיי זאטע, אנגעטהוענע פריקאשטשיקעס, וואס פון זיי איז אצינד אבהענגיג אט דער גאנצער עולם. די מיילער, מאגענס פון די שלומיאליקעס מיט זייערע פאמיליעס זענען אין די הענד פון אט די צווי „גרויסע לייט".

— א גוט מארגען!—היילעבט דאס קיבוציל שלומיאליקעס נאך פון דערווייטענס א קעגען באריסקין און פישמאנען און קוקען זיי און די אויגען מיט א תנופה פון הונגעריגע הונד, ווען זיי ווילען עסען קריגען פון זייער בעל-הבית.

אין איין אויגענבליק רינגלען זיי ארום די ביידע „ברויטגעבערס".

— באריסקין, איהר זאלט מיר לעבען הונדערט יאהר, גיט מיר א טאג ארבייט!

— פישמאן, איהר זאלט מיר מאריך ימים זיין, מיר א טאג ארבייט!

די פריקאשטשיקעס קוקען זיך אפילו ניט איהם אויף די שלו-מיאליקעס: אין זיי איז קיינמאל קיין מאנגעל ניט. זיי געהן גליך צו די „ווילדע".

— נו, קינדער, צו דער איירבייט!

די מחנה באסיאקעס שטעהט זיך קאלטבלוטיג און ענפערט ניט.

די פריקאשטשיקעס ענדען זיך צו די רעדעלפיהרער.

נאך א קורצען איבערשמועס ענפערט מען, אז מען וויל צו צוויי רובל א טאג.

דא הייבען זיך אן לאנגע טענות און איבער שמועסען צווישען די רעדעלפירער מיט די פריקאשטשיקעס, צווישען די „ווילדע" מיט די רעדעלפיהרער, ביז דער טאגפרייז ווערט בעשטומט.

אז די שלומיאליקעס זעהן, אז באריסקין און פישמאן זענען שוין פריי, לויפען זיי נאך אמאל צו זיי און רינגלען זיי ווידער ארום.

— נו, באריסקין?

— נו, פישמאן?

— הא, איהר זיינט א ציוניסט, איך דארף איך ניט! — ענפערט באריסקין.

באריסקין האט עפיס אבעזונדערע שנאה צו די ציוניסטען.

— איהר זענט צו איין איידלער יוד, איך דארף איך ניט — ענפערט פישמאן.

פישמאן איז אליין א ווילדער גראבער־יונג, און האט בטבע פיינד א יודע־ספר.

— לאם איך האטשע האבען ביי איך „די נאכט"*) — בעט זיך איינער.

— לאזט מיך צורוה, איך דארף ניט. איך דארף ניט!

פישמאן און באריסקין רייסען זיך אוים פונים עולם, נאר דער עולם לאזט זיי ניט אב, רינגעלט זיי ווייטער ארום, לויפט זיי נאך, שלעפט זיי ביי די פאלעס.

ענדליך האבען זיך באריסקין און פישמאן אויסגעקליבען זייערע מענשען פון די שלומיאליקעס אויך. פריהער זענען געהאלפען געווארען די „איינינקליך", די שטיקליך מחיבים, וואס יעדע פרי־

---

*) זיין א נאכטוועכטער.

קאַשטשיק האָט, און דערנאָך — די איבעריגע, וואס האָבן גלאַט אַ זכיה געהאט געפעלען די „ברויטגעבער“.

די גליקליכע האָבן זיך געחאפט צו זייער אַרבייט.

די, וואס זענען געבליבען אָהן אַרבייט, זענען געבליבען שטעהן די הענד פערלעגט, טרויעריג, פער־מרה־שחורה׳דיג.

— וואס הייבט מען אַצינד אָן צוטהון? — זאָגט איינער — אויפגעשטאַנען פּיער אַ זייגער, געבראָכען די פיס פון דער מאַל־דאַוואָנקע אַהער אין גאַס־רעגען, און אַצינד געה אַ היים מיט גאָר ניט!

— און וואס זאָל איך טהון, אַז איך ברעך שוין די פיס דעם דריטען טאָג און בעקום ניט קיין אַרבייט?

— און ביי מיר אין שטוב איז נישטאָ אַ שטיקעל ברויט אויף אַ רפואה!

— און ביי מיר איז נאָך מיט אַ צוגאָב: קראַנק אַ קינד שוין אַכט טעג!

— וויפיעל אָנבייסענס האָט פישמאַן ביי מיר געגעסען, וויפיעל קערבליך האָט ער ביי מיר געליהען; און אַצינד־דערקאָנט ער מיך שוין גאָר ניט! — קלאָגט זיך איין אַנדערער.

— איהר זייט, איך בעט אייך איבער, גאָר אַ טפּוש — ענפערט אַ צווייטער — איהר ווילט, אַז פישמאַן דער זאָטער זאָל צאָהלען פאַר פישמאַן דעם הונגעריגען, פישמאַן דער אָנגעטהוענער זאָל צאָהלען פאַר פישמאַן דעם באָרוויכען? ווי איז אַזוינס גאָר געהערט געוואָרען? איהר פערשטעהט דען ניט, אַז פישמאַן איז געוועזען אַ קבצן, אַ הונגעריגער, איז ער געוועזען אַ בעל־צדקה, גלייך מיט אַלע קבצנים; און אַצינד, ווען ער איז אַריין „אין די פעדערן“, מוז ער זיין אַ „דבר־אחר“.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט וויסען, צו דאָס געלד מאַכט דעם „דבר אחר“, צו דער „דבר אחר“ — מאַכט דאָס געלד? — האָט גע־פרעגט איינער פון דעם קבוציל.

— ס'איז דא בהא תליא: איינס געווענד זיך אינ'ם אנדערען.
דעם עולם ווערט נמאס צו שטעהן אונטער דעם רעגען און יעדער זוכט זיך איין אנדער ארט.

II.

דער רעגען האט אויפגעהערט.

די תמוז-זון שטעהט אויפ'ן ים, ווי א פייערדיגע זאל. זי שטעכט אין די אויגען און ברענט, ווי א קלעכאויוען. די שטיינער פונ'ם פלאסטער ווערען אנגעגליהט און בריהען דורך די פאדעשוועס פון די שיך. שווארצע וואלקען קויהלענשטויב הייבען זיך אויף פון די קוהלענבערג, וואס ליגען ביים ברעג, און קריכען אין דער נאז, אין די אויגען, אין דער לינג, אין אלע פארען פון דער הויט און פשוט אפילו אין דער נשמה.

דער גאווען האט זיך שוין כמעט אבגערייניגט פון דער מחנה „ווילדע". די מייסטע פון זיי ארבייטען אויף די פאראחאדען; נאר איניגע, וואס האבען ניט קיין ארבייט, אדער ווילען גראדע היינט ניט ארבייטען,—שפאצירען זיך גלאט אזוי ארום אויפ'ן גאווען אין זייערע האלב-נאקעטע, שמוציגע בגדים. אט שפאצירט זיך א פארעל באסיאקעס: איינער טראגט א רעקיל, וואס דער גאנצער אייבערשלאג איז אבגעריסען, נאר דער אינטערשלאג און עטליכע שטיקליך צוטרייפיטע וואטען איז געבליבען דערפון; דער אנדערער טראגט א העמדיל מיט א פאר הויזען, וועלכע זענען אזוי גאלע לאך, אז עס זעהט זיך ארויס מעהר לייב, ווי מאטעריע. אט געהט נאך א פארעל: איינער טראגט אויף איין פיס א געלען שיך, און אויפ'ן אנדערען—א קאלאש. דער צווייטער געהט מיט א פאר אויפגעשפאלטענע הויזען ביז אין די דיכען, און בשעת ער געהט, טעלעבענדען זיך די שטיקער הויזען און פלאנטען זיך אין די פיס.

איניגע באסיאקעס פערקריכען זיך ערגיץ אין א ווינקעל און לעגען זיך שלאפען; די אנדערע זעצען זיך אונטער די קוהלענבערג.

טוהן זיך אוים גאנץ נאַקעט און פֶערְרֶעכְטֶען זיך די הֶעמדליך מִיט די הויזֶען.

עֶטליכֶע שְׁלוּמיאֵליקעס, וואָס אײַלֶען זיך נִיט אַהֵיים גֶעהן, זיצען אויף עֶרגִיץ אִין שאָטֶען און דֶערצֶעהלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנדֶערֶעם פֶערשִׁיעֶדִינֶע מַעֲשׂיות.

אויפ'ן גַאווֶען הֵייבֶען זיך אָן צו יַאווֶען גַאנצֶע הויפֶענ'ס פרויעֶן און קִינדֶער, הַאלב-נַאקֶעטֶע, שמוּצִיגֶע, בּאָרוּויסֶע, מִיט זֶעק אויף די פְּלֵייצֶעס; זֵיי קלויבֶּען אויף די שְׁטִיקליך קוהלֶען, וואָס פַאלֶען אַראָב פון די וֶועגֶעליך.

נאָך זֵיי קְרִיכֶען אַרוים פון זֵייעֶרֶע לֶעכֶער די „פְלאָקֶענשִׁיסֶער'ס".

די „פלאָקֶענשִׁיסֶער" אָדער, ווִי מֶען רופט זֵיי, סְטרֶעלאָקֶעס, דאָס אִיז אַזאַ מִין סאָרט פוילֶע בָּאסיאַקֶעס, וואָס האָבֶּען כִּמְעַט אִינ-גַאנצֶען פֶערלוירֶען זֵייעֶרֶע מֶענשְׁלִיכֶע גֶעפִיהלֶען. אַרבֵּייטֶען ווִילֶען זֵיי לַחלוּטִין נִיט. זֵיי וֵוייסֶען נאָר-שלאָפֶען און שִׁיכּוּר'ן. זֵייעֶר סְפֶּעצִי-אַלנאָסט-אִיז גְנֵיבָה. זֵיי גַנבֶעֶנען פָּשׁוּט פון די פַארטִיעֶס שְׁטִיקֶער קוֹיהלֶען. און אִין דֶעם פַאך-זֶענֶען זֵיי קונצלֶער'ס. גֶעגֶעבֶּען אַקוּק אַרום זיך, גֶעפַאקט אַ שְׁטִיק קויהל אונטֶער-דֶער-אָרם, און גֶעמַאכט אַ וַיִבְרַח.

אַט שְׁטֶעהט אַלאַנגֶער, דַארֶער, שוואַרצֶער „פלאָקֶענשִׁיסֶער" בֶּעבֶּען אַ פַארטִיעֶ קויהלֶען, קוּקט זיך אַיין אִין אַ שְׁטִיק קויהל, וואָס לִיגט בַּיי דער זַייט: עֶר וַוארט נאָר מֶען זאָל זיך פֶערקוקֶען, עֶר זאָל עֶס אָבטאָרֶען.

אַ גֶעזונטֶער, פֶעטֶער, אויסגֶעפִיצטֶער פּאָדרַאטשִׁיק פון די אַרבֵּייטֶער דֶערזֶעהט זַיין מַאנֶעווֶער און גֶעהט צו צו אִיהם.

— נו, אִיך פְרֶעג דיך אַלֵיין-זאָגט צו אִיהם דֶער פּאָדרַיאַט-שִׁיק-אִיז דֶעז נִיט גְלַייכֶער, זאָלסט בֶּעסֶער אַרבַּייטֶען?

— און דו פַאר וואָס אַרבֵּייטסט נִיט? -פְרֶעגט אִיהם דֶער סטרֶעלאָק.

— טִפּוּש!-עֶנפֶערט דֶער פּאָדריאַטשִׁיק, זֶעלבּסט צופְרִידֶען-

איך דארף ניט ארבייטען.

— נו, ווילסט דו, איך זאל ארבייטען אויף דיר? איך קאן אפילו אויף זיך אליין ניט ארבייטען, נישקשה, מעגסט אויך איינרא-רען אביסילע — ענפערט זיך דער „סטרעלאק“ שטיל און קאלטבלוטיג.

אלעס איז אויפ'ן גאווען שמוציג, שווארץ, פערמרה-שחורה'ט, בעשיט מיט קוהלענשטויב.

פון צייט צו צייט בעוועגט זיך אויפ'ן שמוציגען גאווען א יין עלעגאנטע קאליאסקע, אדער אזוי א עלעגאנטע פארעל שפאצירט זיך דורך, אנגעטוהן נאך דער לעצטער מאדע, מיט ווייסע אדער קאלירטע שיכליך; און ווי דאס שטעכט די אויגען און מאכט קאליע די שמוץ-הארמאניע!

אויפ'ן גאווען רעשט, הודיט, הילעכט.

פון איין זייט די שווערע בינדונגען מיט די קויהלענפיהרליך. מיט זייערע אייזערנע רעדער קלאפען זיי, דורכלויפענדיג, אויף דעם שטיינערנעם פלאסטער און פערטויבען דעם קאפ. פון דער אנ-דערע זייט — דאס פייפען און קוויטשען פון די משא-פאיעזדען און פאראחאדען, דאס גרילצען פון די אייזערנע קעטען, וואס שלעפען ארויס פון די טריומען די פולע קאטקעס מיט קוהלען אונטער די קולות: „וויערא“! „מיינע! (ארויף) (אראב). דאס אלעס הילעכט, סוויסטשעט, גרילצט, צודולט און פערטויבט דעם קאפ.

און אונטער דער „מוזיק“ טוהן זיך די „ווילדע“ זייער ארבייט אויף די שיפען גאנץ רוהיג.

איינינע ליגען טיעף אין די קוילענטריומען, אויסגעטהון נא-קעט. זייער ארבייט איז — אנצופולען די ליידיגע קאמקעס. די אנ-דערע שיטען אויס די פולע קאטקעס אויף דער פאלובע, שיטען אן די קוהלען אין די טאטשקעס, און די טרעגערס טראגען זיי פארליך — ווייז אויפ'ן ברעג.

די זון ברענט, דער שווייס רינט פון די פערברענטע, פער-שווארצטע פנימער ריקעס-ווייס, ווי שווארצע טינט. יודען און

קריסטען ארבייטען די שווערע ארבייט צו זאמען, ברודערליך.

דאך צייטענווייס בעווייזט זיך די שנאה צו יודען דא אויך.

לאבעש דער ווארשעווער, איודישער באסיאק, א יונגערמאן מיט א געהל בערדיל, פערוויכערט א ציגאיער ביי טאראם בולבע, א באסיאק א מאלאיאם, מיט א פאר גראבע, גרויסע וואנצעס.

טאראם בולבא גיט איהם צו פערוויכערן און מורמלט דער ביי ברויגז:

— א זשיד האט קיינמאל קיין שוועבעליך ניט.

— גאט איז מיט דיר, טאראס!—פערענטפערט זיך לאבעש—איך שוואלאווע קויפען שוועבעליך? סטייטש, אט האב איך ערשט געגעבען צו ציגייערס וואשין, מארדאטשקין און קאראנדאשין!

— טאבאק האט א זשיד תמיד—רופט זיך אן לאחמאטי, א ווילהער מיט א גרויער געשוירענער בארד.

ער זאגט דאס אין אזא טאן, אז מע ווייסט ניט צו ס'איז א מעלה צו א חסרון.

א יודישער שקיפער קומט נעמען קוהלען אויף זיין שאלאנדע.

— מען זאגט, אז יודען זענען טרוסע, זיי האבען מורא פאר וואסער, און דאך איז דא יודישע שקיפערס,—בעמערקט פאר זיך „פאלקאווניק", א גראבער באסיאק, וואס האט א מאל געדינט אין חיל.

III.

צוועלף אזייגער.

רוה און עס שטונדע פאר די ארבייטער.

די ארבעט בלייבט שטעהן. דאס סוויסטשען פון די פאראהאדען, דאס גרילצען פון די אייזערנע קייטען, דאס קלאפען פון די אייזערנע רעדער אויף דעם פלאסטער—דאס אלעס ווערט מיט איינמאל אבגעשטעלט.

די פאראחאדען שפייען אוים צוריק אויפ'ן ברעג די מאסע

ארבייטער.

די מחנה, האלב-נאקעטע, שמוציגע ווילדע, מיט די שווארצע פנימער, שווארצע הענד, ווי די נעגערס, רינגעלט ארום די פרויען, וואס האבען ארויס געבראכט עסען צופערקויפען.

איינציגע עסען שיסעליך בארשט. די שווארצע טראפען פון זייערע וואנצעס קאפען אריין אין די שיסעליך און שווימען דארט ארום, ווי שווארצע אויגען. א טהייל קויפען זיך צום אנבייסען ווארעניקעס; זיי נעמען זיי מיט זייערע שווארצע שמוציגע הענד. די ווארעניקעס ווערען אויסגעמאלט מיט שווארצע פאסיקליך, און יאזוי עסט מען זיי מאקע. איינער טלעפט ארויס א מאנאפאלקע פונים בוזעם, לעגט זי צו צום מויל, מאכט: גול-גול-גול, און דאס פלעשיל איז שוין לעדיג.

דער עולם האט געשטילט דעם הונגער.

א טהייל האבען זיך צוגעלעגט האפען א דריהמעל.

אנדערע שטעהן ביים ברעג און שמועסען.

געבען דער „סקאלע" שטעהן: גנב, וואש, מארדאטשקע, קאראנדאש און לאחמאטי.

— איך האב ליעב נאר גראבע, געזונטע נקבות–זאגט וואש, א באסיאק, א קליינער און א דארער.

— אי, דו פערשאלטענער וואש!–ענפערט לאחמאטי–א געזונטע נקבה קאן זיך דיך צוקוועטשען ווי א לויז.

דער עולם לאכט.

וואש לאזט אראב די אויגען, פערשעמט.

דער שמועס קומט ביי זיי ארויף אויף די געוויסע רציחות און רומעניע.

— מען זאגט, מ'האט קליינע קינדער אין רומעניען געהרגעט–רופט זיך אן קאראנדאש–דאס פערשטעה איך שוין ניט. מילא גבירים דארף מען הרגענען, אבער וואס האט מען געביך צו קליינע קינדער?

— דו האסט א גראבע באשקא און פערשטעהסט גאר ניט־קלערט איהם אויף גנב— סטייטש, אז די קינדער וועלען אויפוואקסען, וועלען זיי זיך ירשענען זייערע פעטערס עשירות און וועלען אויך ווערען גבירים, איבער דעם מוז מען זיי אויסרייסען מיט'ן ווארצעל.

— דאס איז אויך אמת—זאגט קאראנדאש איבערצייגט.

א הויכער, א געזונטער באסיאק קומט צו צו דער קאמפא־ניע. ער איז אנגעטהון אין א גאנץ בלאה העמדיל און אין גאנצע בלאהע הויזען.

— א, גערוי האט זיך בעניעט! עס קומט פון איהם מאה־ריטש—האט זיך אנגערופען מארדאטשקע.—

— איך האב שוין געטרונקען מאהריטש—ענפערט גערוי—געבעטען אויף דערנאכט דאב איך געקויפט 5 באנאפאלקעס בראנ־פען. פיער האב איך אויסגעטרונקען פאר'ן שלאף, און איינע האב איך בעהאלטען אויף היינט. איך האב זיך אבער ניט געקאנט איינ־האלטען און האב די פינפטע אויך אויסגעטרינקען. פעבנע איך איצינד אויפ'ן פיסק און מיז מיך בעגעהן אהן א לעק.

גערוי נעמט ארויס א לעדיג פלעשעל, האלט עס א קעגען דער זון, קעהרט עס איבער מיט'ן פיקעל אראב און קוקט דערויף מיט א רחמנות פנים.

IV.

ניט ווייט פון דער קאמפאניע באסיאקעס שטעהן עטליכע יודי־שע ארבייטער און עטליכע „שלומיאליקעס" פון די „גליקליכע", וואס האבען היינט ארבייט אויף דעם גאווען.

— וואס איז דער אונטערשיעד צווישען א וועגעלע קוהלען און א ארעמאן?—פרעגט א אלטישקער, א איינגעבויגענער יוד, וואס זיין ארבייט איז מלוה צו זיין די וועגעלעך קוהלען פונ'ם ברעג צו דער פארטיע.

קיינער ווייסט ניט וואס צו ענטפערן.

— איך וועל אײַך זאָגען־זאָגט דער אַלטיטשקער־אַוועגעלע קוהלען גערט האָטשע איינער נאָך מלוה זיין, און אַז אַ אָרימאַן שטאַרבט־גערט קיינער ניט נאָך דער לויה.

דער שמועס געהט איבער וועגען אַרבייטען אום שבת.

— איך אַרבייט ניט אום שבת־רופט זיך אָן אַ יודישער ראַבאָטשע נטע בוידעס־ניט מחמת פרומקייט, נאָר פּשוט איך וויל, אַז מיין ווייב און קינדער זאָלען וויסען, אַז זיי האָבען אַ מאַן און אַ טאַטען. אַ גאַנצע וואָך געה איך אַוועק פאַרטאָג און קום אַ היים אויף דערנאַכט און מיר זעהן זיך כמעט ניט, דערפאַר האָב איך מיר אָבגעשטעלט שבת. איך געה דעם גאַנצען טאָג ניט אַרויס מפתח ביתי, און פערברענג די גאַנצע צייט מיט מיין ווייב און קינדער.

דער שמועס געהט ביי זיי אויך איבער, וועגען די רומענישע רציחות.

— געשיקט זיך, גאָט זאָל דאָס אַלעס צו זעהן און שווייגען?־פרעגט אַ בערדיטשעווער יוד, אַגעוועזענער מלמד מיט אַ גרויסער, רויטער באָרד, אויפ'ן גאַנצען רופט מען איהם: „די נאַם"— סטייטש, עס שטעהט זיך בפירוש געשריבען: „וישמע אלהים את נאקתם וידע ד'" גאָט האָט דערהערט דאָס געשריי פון זיין פאָלק און האָט געוואוסט.

— „וידע" איז די טייטש, שלאָפען־ענטפערט אַ שוואַרצער ליטוואַק, אַ געוועזענער אַפּיקורס־גאָט הערט יודיש געשריי און שלאָפט.

— אָבער אַ הימעל איז זיך פאָרט דאָ!—לאָזט זיך ניט די „נאַם".

ער הייבט אויף די אויגען צום הימעל. ער פיהלט, אַז פון דאָרטען מוז זיך דאָך אַמאָל יאַווען גערעכטיגקייט.

— גאָט שלאָפט טאַקע, נאָר ער וועט זיך פאָרט אַמאָל אויפכאַפּען־זאָגט נאָך אַמאָל דער בערדיטשעווער־אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען: „ויקץ ד' כישן וכגבור מתרונן מיין". גאָט וועט זיך

אויפחאַפּען, ווי אַ פֿערשלאָפֿענער, און ווי אַ גבור, וואָס ניכטערט זיך אויס פונ'ם וויין.

— אַ יוד האָט אויף אַלעמען אַפּסוק, — רופט זיך אָן דער שוואַרצער ליטוואַק — מיט דעם פּסוק טענהט ער זיך אויס מיט דעם רבונו של עולם. מיט דעם פּסוק האָט דער יוד אַ ויכוח מיט די שונאי ישראל. אפילו, ווען אַ הונד פאַלט אָן אויף אַ יודען, וויל איהם דער יוד פֿערשטאָפּען דעם פּיסק אויך מיט אַ פּסוק!

— דער רבונו של עולם האָט זיך שוין געוואָהנט — רופט זיך אָן אַ מאָהליווער — מען שלאָגט שוין יודען אַ סך הונדערטער יאָהר, איז דאָס ביי איהם שוין אַ וואָכענדיגע זאַך. דער רבונו של עולם וואָלט זיך אפשר גיכער געחדושט, ווען עס זאָל אַוועקגעהן אַ שטיקעל צייט און מען זאָל ניט שלאָגען קיין יודען.

דער בערדיטשעווער ציהט אויף מיט די פּלייצעס און זאָגט:

— הערט אויס, רבותי, ס'איז כּלה מוקשה, נאָר דער הימעל איז פאַרט ניט פּוסטע!

דער זייגער שלאָגט איינ'ס.

דער עולם חאַפּט זיך צו דער אַרבייט.

א שלעכטע בשורה.

אוצע, רוצע, רוצוצע, קדיש דער מאמעס, תכשיט דער מאמעס, דער מאמעס ביינער זאלסטו איבער לעבען! דיין כפרה זאל איך זיין! נשמה מיינע, קרוין מיינע, חיות מיינס, זיס לעבען מיינס! דימענט מיינער, ברילויאנט מיינער, זיסע מאמע, טאטעלע מיינס! ציאם א מאמע, ציאם!

אזוי האט אנגעטעהעט שרה פון איהר איין-און-איינציג קינד. זי האט זיך געשפיגעלט אינים קינדס פרעהליך, בליהענדיג-שען פנימל, אין זיינע בלאהע, גרויסע, בליסטשענדיגע אייגעליך, אין די קנייטשעליך פון זיינע פולינדיקע, גראבע הענטעליך און פיסעליך. שרה האט פאר פרייד ניט געוואוסט וואס זי זאל טהון מיט'ן קינד. זי האט געטאנצט און געשפרינגען דער מיט. זי האט דאס קינד צו געדריקט צום הארץ, צום פנים, בעהאלטען איהר קאפ אונטער דעם קינדס העמדעלע, געריבען מיט דער נאז דעם קינדס בייכעלע, אויסגעקושט דעם קינד אלע אברימליך מיט הייסע, גליהענדיגע זאפטיגע מוטער-קוש, געשמעקט דעם געשמאקען ריח פונים קינד, געביסען עס, געוויגען, געשמאצקעט, גלייך ווי זי וואלט געוואלט זיך אנזויגען מיט'ן קינדס בלוט.

שרה איז געווען ווי משוגע, פאר גרויס פרייד, גליק און ליעבשאפט. זי האט שוין לאנג געהאט פערלוירען די האפנונג צו

האָבען קינדער .

זי האָט פעסט גערעכענט, אַז זי וועט בלייבען אַ אייביגע עקרה און וועט קיינמאָל ניט פיהלען דעם גליקליכען תענוג , וואָס א מאַמע פיהלט .

אַז שרה פלעגט זיך דערמאָהנען אין דער עלטער איז איהר דורכגעלאָפען אַ גרויל איבער'ן לייב .

די יונגע יאָהרען פליהען אַוועק; עס ריקט זיך אָן די טרוי־ריגע, עלענדע עלטער. זי בלייבט איבער איינע אַליין, אַ אַלטע , געקאָרטשעטע, פערוויאַנעטע, פערגעסענע יודענע . דאָס פריילּיכע לעבען, וואָס רעשט אַרום איהר ריהרט זיך אין איהר גאָר ניט אָן. דאָס זיסע פלאַפלערײַ פון קינדער און איניקליך וועט קיינמאָל ניט צו דרינגען צו איהרע אויערען און וועט קיינמאָל ניט דערקוויקען איהר הארץ .

זי וועט בלייבען איין אַלטע, פערגעסענע יודענע, עלענד ווי אַ שטיין !

א פרוי , וועלכע האָט קינדער, איז געגלייכענט צו א פרוכט־באַרען , זאַפטיגען בוים, וועלכער איז בעדעקט מיט גרינע, שאָטיגע צווייגען , וואָס טראָגען געשמאַקע פרות, און פייגעליך זיצען אויף די צווייגען , זינגען און צוויטשערען אַזוי זיס, מחיה נפשות. אָבער אַ פרוי, וועלכע האָט ניט קיין קינדער . . . רבונו של עולם , וואָס פאַר אַ פנים האָט זי ? אַ פערדאַרטער, פערפוילטער בוים, וועלכער דערוועקט אַ שרעק און יעדער אַנטלויפט פון איהם .

און זי, שרה , וועט זיין אַזאַ אַלטער, פערדאַרטער בוים אויף דער עלטער !

און פלוצים נאָך גאַנצע זעכצען יאָהר האָט גאָט שרה'ן אויפ־גערעכט ! זי האָט געהאַט אַ קינד און נאָך וואָסער אַ קינד ! אַ יונגעלע , אַ שענס , אַ געזונדס , אַ בליהענדיגס ! און ווער איז אַצינד גליך צו שרה'ן ? שרה טראָגט א קינד אויף איהרע הענד ! און ניט גלאַט אַזוי אַ קינד, נאָר איהר אייגען קינד , איהר בלוט

און פלייש! איהר לעבען איז שוין ניט פוסטע, ניט לעדיג: זי איז א מאמע! זי פיהלט דאס אין אלע איהרע אברים, מיט אלע גלידער.
זי איז א מאמע! זי איז שוין ניט קיין פערפוילטער, פערדארטער בוים! און ווער קאן נאך זיין אזוי גליקליך, ווי זי?!

אפט פלעגען זיך אריינגנבנען צו איהר טרויעריגע געדאנקען אויך.

שרה האט אנגעהויבען מורא האבען פאר איהר גרויס גליק.

איהר גליק האט זי צייטענווייס צוגעפעטשט, צוגעדריקט מיט זיין שווערער משא, מיט זיין צופיעל גוט'ס.

שרה האט ניט געגלויבט, אז זי טראגט ווירקליך א קינד אויף איהרע הענד.

זי האט ניט געגלויבט, אז א מענש קאן זיין פאלקאמען גליקליך, ווען ער איז וואכענדיג.

ס'האט זיך איהר אויסגעוויזען, אז זי חלומט נאר א שענעם, גליקליכען חלום, און אז זי וועט זיך אויפחאפען, וועט דער זיסער חלום אוועק, און איהרע הענד וועלען ווייטער בלייבען לעדיג...

און ווי אזוי האט שרה מורא געהאט פאר'ן אויפחאפען זיך...

צו מאל, ווען שרה איז פערנעמען מיט איין ארבייט, און דאס קינד שלאפט זיך גאנץ רוהיג אין וויגעלע, לויפט פלוצים דורך ביי שרה'ן אין קאפ א שרעקליכער געדאנק: אפשר איז דאס קינד געשטארבען, און זי לויפט דערשראקען צו זעהן דאס קינד. שרה געהט צו פאוואלע צום וויגעלע, אויף די שפיץ נעגעל, בייגט זיך אן איבער'ן קינד, כדי זי זאל הערען און פיהלען דעם קינד'ס אטהעם.

גאנצע שעה'ן שטעהט אב שרה, די הענד פערלעגט, איבער איהר קינד'ס וויגעלע. זי קוקט זיך איין אין איהר קינד'ס זיס־שלא־פענדיג פנימ'ל, אין די שטראהלען פון דער זון, און שאטען וואס טאנצען, שפרינגען אויף דעם קינד. זי טרונקט און שעפט אין זיך איין דעם ווארעמען אטהעם פונים קינד.

טאמער האט שרה געהערט, אז עס געהט אום אין שטאדט

אַ שלאָפֿקייט אויף קינדער, אָדער אַז אַ קינד איז געשטאָרבן, איז זי געוואָרען מעהר טויט ווי לעבעדיג. פֿאַר פּחד און שרעק האָט זי געציטערט, געפלאָטערט און דאָס בלוט איז איהר פֿערגליווערט געוואָרען אין איהרע אברים... ס'האָט זיך איהר דערנצמאָלט אויסגעוויזען, אַז זי זעהט פֿאַר זיך איהר איציקלין ליגען אין וויגעלע טויט... מיט פֿערמאַכטע אייגעליך...

רבונו של עולם, איהר איציקיל איז געשטאָרבען! איז דאָס מעגליך...

פֿאַר איהר האָט זיך פּלוצים אויפגעעפֿענט אַ טיפֿער, אַ שרעק-ליכער אָבגרונד...

דערמיט האָט זיך שרה געטרייסט.

גאָט ווייסט ווי אַזוי איהר לעבען איז צונויפגעקניפט מיט'ן לעבען פון איהר קינד.

וועט דען חלילה, גאָט, דער גוטער גאָט, זיין אַזאַ אכזר, אַז ער זאָל דערהרגענען די מאַמע מיט'ן קינד אין איין טאָג? סטייטש ס'איז דאָך אַ בפירושער פּסוק אין "צאינה וראינה".

"זאָלסט ניט צו נעמען די מאַמע מיט די קינדער"!

און שרה פאַלט צו צו איהר קינד, קושט עס, סמאַצקעט עס, בייסט עס און קוועטשט עס צו איהר האַרץ, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט זיך צונויפגיסען מיט'ן קינד און ווערען מיט איהם איין גוף איין נשמה.

דאָס קינד לעגט צו דאָס פינגעריל צום געזעלע און מאַכט אַ חנעוודיג תנועהלע.

—איי-זשע, נו, נו, נו, מאַכט דאָס קינד! —דערפרעהט זיך שרה—מאַך מאַך אויף אייביג!! אויף אייביג!!!

—אַברהם! אַברהם! —שרייט שרה צו איהר מאַן—קום אַ העער אין דער גיך, וועסטו זעהן, ווי דאָס קינד מאַכט איי-זשע נו-נו-נו!

אַברהם זיצט ביים שרייבטיש און איז פֿערנומען אין די חשבונות.

— לאָז מיך צורוה—ענטפערט אברהם—איך האָב אצינד קיין צייט. איך דארף ענדיגען א חשבון.

— וואָס זאָגט איהר אויף דעם פריץ? — תרושט זיך שׂרה— ער דאַט קיין צייט ניט, איציקעל באכט אייזשע, נו, נו, נו, און ער האָט קיין צייט ניט! תּכף זאָלסט דו מפסק זיין און צוקומען אהער! הערסט, צו גיין?

— אי, שׂרהלע!—ווערט אברהם א ביסיל ברוגז-דורך דיר וועל איך אטעות האָבען אין אונטערצוה.

שׂרה ענטפערט גאָר ניט. זי געהט צו איהם אונטען ארום און זעצט ארויף דאָס קינד אויף דעם פאַטערס האלז-און-נאַקען רייטענדיג.

אז אברהם דערפיהלט נאָר דאָס ווייכע, וואַרימע לייב פון'ם קינד, צוגעדריקט צו זיין האלז,-קאָן ער זיך מעהר שוין ניט איינהאלטען.

ער דרעהט אוים דעם קאָפּ צום קינד'ס פּנימיל און האַוועקעט:

— האַם! האַם!

דאָס קינד צוגיסט זיך מיט א פרעהליך געלעכטעריל.

די שטוב פולט זיך אָן מיט לאַכען, לעכטינקייט און פרייד.

אברהם נעמט אראָב דאָס קינד פון'ם האלז און שטעלט עם אויף זיינע קניען.

דאָס קינד שפּילט זיך מיט'ן פאַטער'ס באָרד

זיינע פינגערליך פערפּלאָנטען זיך אין די האָר פון דער באָרד.

שׂרה פרעסקעט מיט די הענד פאַר פרייד און שרייט:

— אזוי! אזוי! ווייז! לערען א טאַטען דרך ארץ! רייס! פליק! ציפּ א באָרד! מאַך איהם צורעכט דעם חשבון, ווי עם פּאַסט א טאַטען!

אברהם וויל אויספּלאָנטען די באָרד פונ'ם קינד'ס הענטליך.

דעם קינד פערדריסט, וואָס זיין פאַטער לאָזט איהם ניט רייסען די באָרד און בעקלעמטשעט מיט כּעס.

— טיאַ, טיאַ, טיאַ!

דאָס קינד פֿערקאָרטשעט די ליפּליך און צוחליפּעט זיך.

שרה חאַפּט דאָס קינד אויף איהרע הענד.

— קום אַהער, פּיצעלע מיינס, טרייסט דער מאַמעס! מיר פֿאַר דיר! האָב פֿיינד אַטאַטע! קאַקאַ טאַטע! ער שלאָגט גאָר דאָס קינד! מיר פֿאַר דיינע טייערע ביינדעליך! זים לעבען מיינס, האַרץ מיינס!

אויף דער מוטער׳ס הענד ווערט דאָס קינד ווידער פֿרעהליך. עס פֿאַלט צו מיט דעם פּיסקעלע צו דער מוטער׳ס נאָז און הייבט זי אָן זיאַבען מיט די יאַסלעס . . .

שרה, פֿערנעמען מיט׳ן קינד, מיט איהר גדולה, האָט גאָר ניט געהערט, ווי די טיר האָט זיך אויפֿגעעפֿענט און איהר שכנה חיה־גיטיל איז אַריינגעקומען און שטוב אַריין.

— אַ גוט מאָרגען, שרה׳לע! — האָט חיה־גיטיל געזאָגט מיט אַ תשעה־באָב׳דיגען ניגון און מיט אַ שווערען זיפֿץ.

— גאָט איז מיט אייך, חיה גיטיל! וואָס איז עס מיט אייך? — האָט שרה געפֿרעגט.

— אוי, אַ אומגליק, אוי, אַ צאָרען! — קלאָגט חיה־גיטיל — גאָטס צאָרען איז אויף אונז! איהר האָט גאָר ניט געהערט, וואָס ס׳האָט זיך געטהון אין רומעניע?!

— וואָס איז דאָרט אין רומעניע געשעהן? — האָבען געפֿרעגט אַברהם און שרה אין איין קול.

— וואָס, איהר האָט גאָר ניט געהערט?

— מיר זאָלען אַזוי ניט הערען פֿון קיין שלעכט׳ס.

— אַ פֿייער פֿונ׳ם הימעל האָט זיך דאָרט אויסגעגאָסען! חורבן בית־המקדש איז דאָרט געווען! מ׳האָט דאָרט אַלטע יידען געהרגעט, קליינע קינדער געקוילעט!

אַברהם און שרה האָבען געבראָכען די הענד.

— ווער האָט אייך דאָס דערצעהלט?

— אט, האט ערשט מיין זוהן דאס געלייענט אין די צייטונגען.

ביים אנפאנג האט דער פאקט, וואס מ'האט קליינע קינדער געקוילעט ניט געווירקט בעזונדער אויף שרה. ער איז דערטרענקען געווארען צווישען די איבריגע רציחות פון וועלכע חיה־גיטיל האט איהר דערצעהלט די פרטים.

צוביסליך אבער זענען די איבריגע פרטים ביי איהר פערשווינדען געווארען, און נאר דער איינציגער פאקט פון קינדער קוילען האט זיך איינגעווארצעלט ביי איהר אין קאפ:

דאס קינד ווארפט זיך אין די הענד פון די מערדער; זיי קוילען עס קאלטבלוטיג...

רבונו של עולם! וואס זענען נעבעך שולדיג די אומשולדיגע לעמעליך?

שרה קוקט אויף איהר קינד, אויף איהר איציקלין, אויף זיינע קליינע, קאליכדיגע, גראבע הענטליך און פיסליך, אויף זיין לעכטיג פנימיל, און א שרעקליכע קעלט געהט איהר איבער דורך אלע אברים.

אויף אזוינע קינדער, ווי איהר איציקעל, אויף אזוינע מלאכים־ליך האט מען זיך ניט דערבארעמט?!

און אז דאס האט געקאנט געשעהן אין רומעניען —, קען דאך דאס טרעפען ערגיץ אנדערש אויך... עס קאן זיך מאכען, אז די מערדער פון רומעניען וועלען אהער אויך קומען און וועלען נעמען איהר איציקיל...

און איהר איציקעל וועט זיך שוין מעהר ניט שפילען מיט זיינע גראבע פיסליך... ער וועט שוין מעהר ניט מאכען: „איי־שנע, נו, נו, נו“! ער וועט שוין ניט זיאבען איהר נאז מיט זיינע ווארמע יאסליכער: ער וועט שוין מעהר ניט לאכען מיט זיין זיס־קלינגענדיג געלעכטעריל... ער וועט שוין ניט זאגען: „טיא, טיא, טיא,“ און זיינע שענע, בליסטענדיגע, לעכטיגע אייגעליך...

דער שרעקליכער, שוואַרצער געדאַנק שטעקט אַיין זיינע שאַרפע נעגעל און שׂרה׳ס מוח, קוועטשט זי צונויף, ווי מיט אַיין אָבצוואַנגע...

שׂרה פערמאַכט די אויגען; דריקט צו דאָס קינד צום האַרץ און... דאָס קינד איז שטאַרק גרינג געוואָרען... אַ האַלב קינד איז געבליבען... אויף איהרע הענט רינט בלוט... זי פיהלט דאָס וואַרימע בלוט פון איהר קינד... איהרע פינגער פיהלען די קאַלטע, נאַסע קישקעלעך...

דער אָבגעריסענער פאַר וועלכען שׂרה האָט אַזוי מורא געהאַט, עפענט זיך אויף פאַר איהר מיט אַלע זיינע שרעקען, און זי זינקט, זינקט, פערזינקט טיף אין איהם ....

....

שׂרה פאַלט חלשות מיט׳ן קינד אויף די הענד.

אַבְרָהַמְקֶע שוּסְטֶער.

איך בִּין אַ יוּדִישֶׁער מְחַבֵּר איבּער דֶעם... איבֶּער דֶעם מוּז איך, לֹא עֲלֵיכֶם, אַלֶע מָאל פֶערלַאטֶען מַיינֶע שִׁיךְ.

וַיְהִי הַיּוֹם: אַ זוּמֶערְדִיגֶער פְרִיה-מָארגֶען נאָך אַ רֶעגֶען, אִין דרוּיסֶען איז אַ בּלאָטְקֶעלֶע און מַיינֶע שִׁיךְ הָאבֶּען פְּלוּצִים אוֹיפְגֶעפֶּענט פִּיסֶקעם און הָאבֶּען אָנגֶעהוֹיבֶּען זָאגֶען שִׁירָה.

איך מוּז אַייךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת, אַז איך בִּין קֵיין פָּאֶעט נִיט, און דִי שִׁירָה פוּן מַיינֶע שִׁיךְ הָאט מִיר זֶעהר וֶועניג גֶעשְׁמֶעקט.

איך נֶעם מִיךְ דוּרכבּלֶעטֶערֶען דֶעם פֶּרֶק שִׁירָה. איך זֶעה: אַ פְלִיג זָאגט שִׁירָה, אַ פְרָאשׁ זָאגט שִׁירָה, אַ ווִיזֶעלטִיר זָאגט שִׁירָה, אַ פִּיפֶּערנָאטֶער זָאגט שִׁירָה, אֲפִילוּ וַואנצֶען-זָאגֶען אוֹיךְ שִׁירָה; נָאר, אַז שִׁיךְ זָאלֶען דַארפֶען זָאגֶען שִׁירָה, דֶערפוּן אִיז קֵיין שׁוּם זֵכֶר נִישטָא אִין עֶרגִיץ.

און וִוי בַּאלד אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערצַייגט, אַז מַיינֶע שִׁיךְ זֶענֶען גָאר בִּכְלַל קֵיין מְחוּיָבִים נִיט צוּ זָאגֶען שִׁירָה, וֶוער איך אִין כַּעס אוֹיף מַיינֶע „מְשׁוֹרְרִים" און גֶעה גִיךְ זוּכֶען אַ שׁוּסְטֶער עֶר זָאל זֵיי פֶערשטָאפֶּען דִי פִּיסֶקעם.

איך קוּם אִין אֵיינֶם פוּן אוּנזֶערֶע עֶנגֶע, שְׁמָאלֶענְקֶע, שְׁמוּצִיגֶע אוּנְטֶער-גֶעסְלִיךְ. דָארטֶען וואוֹינֶען עַל פִּי רוֹב דִי יוּדִישֶׁע בַּעֲלֵי-מְלָאכָהִים. איך הֵייבּ אוֹיף מַיינֶע אוֹיגֶען און דֶערזֶעה אַ טוּיעֶר, אוֹיף וֶועלכֶען

ס'הענגט אַ טאַבליצע אויסגעמלאכה'ט פון אַ שטיק, ארומגעריזעטען פון אלע זייטען, קארטאָן. אויף דער טאַבליצע איז אויסגעמאָלט אַ איבערגעקערטע ד און אַ ליגענדיגע ז דאָס איז די טייטש: אַ שיך מיט אַ שטיוועל. אונטען איז אנגעשריבען מיט האלב־אָבגעמעקטע אותיות: „דאָ וואָהנט אברהמקע שוסטער״.

איך שטופּ מיך אַריין אין הויף דורך אַ שמאָל קליין טירעל. איך דערזעה אין עק הויף אַ גאָרטענדיל, וואָס שטעהט אויף אַ שטאָל. די פענסטערליך פונ'ם גאָרטענדיל זענען פול מיט לאַטעס פון שטיקליך גלאָז. די טרעפּליך זענען האלב פערפוילט, און שאָקלען זיך אונטער די פיס. אַ צוויי, דריי טרעפּליך פעהלען גאָר. איך שטעל מיר איין דאָס לעבען און דראַפּע זיך כמעט אויף אַלע פיער די טרעפּ אַרויף.

איך עפען די טיר און בין שוין אין שטוב אָדער אין אַ מין פּאָרהייזעל, אין מיטען דעם חדר שטעהט אַ שוסטער־טישעל מיט אַ בענקיל אויף וועלכען די לעדער איז שוין פון לאַנג צוריסען. אַרום ליגט אַ גאַנצער הויפען שקראַבעס: אַלטע, צוריסענע שיך, שטיוועל, חאַלעוועס, פּאָדעשוועס, פּרישוועס, אַבצאַזען, קאַפּיטעס און גלאַט אַזוי שטיקליך, און שטיקער מכל המינים.

ניבען דער וואַנד איז געשטאַנען אַ ציבער און אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אַרויטליכער, אין אַ אָבגעטראָגענעם רעקיל מיט צוריסענע אַרבעל, איז געשטאַנען איבערן צובער, האָט זיך געוואַשען דאָס פּנים און געשווענקט דעם האַלז.

— דאָ וואָהנט אַברהמקע שוסטער?—האָב איך איהם געפרעגט.

דער יונגערמאַן האָט אויסגעשפּיגען דאָס וואַסער פונים מויל און געשריגען אויף אַ קויל:

— אַברהם!

— אַבאַלד, אַבאַלד, וואַרט אַקאָרסט! איך טהו מיר אָן—האָט זיך געהערט פונים שטיבעל אַ קול פון אַ ליטוואַק.

דורך דֶער אָפֶענֶער טִהיר זֶעהט זִיךְ אַרוֹיס דָאס גַאנצֶע חֶדֶריל.

אִיךְ זֶעה אַ קְלֵיין פִּיצֶענקִיֶע חֶדֶריל מִיט אַ אוֹיוֶועֶן. דָאס חֶדֶריל אִיז אַ גַאנצֶע מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה, פוּל מִיט גֶעלֶעגֶערס אוּן אוֹיף דִי גֶעלֶעגֶערס–גַאנצֶע הוֹיפֶען שְׁמַאטֶעס.

דִי אוּמְרֵיינֶע לוּפְט פוּנ׳ם חֶדֶר גִיט מִיר אַ זֶעץ אִין דֶער נָאז אוּן פֶערשְׁלָאגט מִיר דֶעם קָאפּ. אִיךְ מוּז אַרוֹיסגֶעהְן אוֹיפ׳ן גַאנִיק שֶׁעפֶּען פְּרִישֶׁע לוּפְט.

אִין עֶטלִיכֶע מִינוּט אַרוּם אִיז אַרוֹיסגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַבְרָהָמְקֶע שׁוּסטֶער. עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועזֶען פֶארשלָאפֶען, אָנגֶעטוּהְן אִין אַפָּאר צוּרִיסֶענֶע תַּחְתּוֹנִים מִיט אַ צֶעחרָאסטֶעט הָאַרץ, בֶּעוואַקסֶען מִיט שְׁוַוארְצֶע הָאר. עֶר אַלֵיין אִיז אַ שְׁוַוארְצֶער, מִיט אַ שְׁוַוארְצֶע בָּארד, מִיט שְׁוַוארְצֶע הָאר צוּפָּאטֶעלט אוּן פוּל מִיט פֶעדֶערֶען.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעזֶעצט אוֹיף אַ קְלֶעצִיל, וָואס אִיז גֶעשטַאנֶען אַ קֶעגֶען בֶּענקִיל, הָאבּ אַרָאבּגֶעשְׁלֶעפּט מַיינֶע שִׁיךְ אוּן הָאבּ זֵיי גֶע-גֶעבֶּען דֶעם שׁוּסְטֶער.

דִי טִיר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעעֶפֶענט אוּן אַ בָּחוּר פוּן אַ יָאהר צְוַואנְצִיג, אַ אָבְגֶערִיסֶענֶער, מִיט אַ פָּאר שְׁקְרָאבֶּעס אוֹיף דִי פִּיס, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען.

— קָאנֶען מִיר־מַאכֶען עֶפֶּיס אַ חִלוּף? – הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶער שׁוּסטֶער אוּן הָאט אַרוֹסגֶעשְׁלֶעפּט פוּנ׳ם הוֹיפֶען שקְרַאבֶּעס אַ פָּאר שקְרַאבֶּעס מִיט צְוַואנְצִיג לַאטֶעס.

דֶער בָּחוּר הָאט זֵיי גֶעפְּרוּבְט אָנְמֶעסְטֶען, נָאר זֵיי זֶענֶען אָבֶּער גֶעוֶועזֶען אַזוֹי פֶערְדַארט, אַז זֵיי הָאבֶּען בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעוואָלט אַרוֹיף אוֹיף זַיינֶע פִּיס.

— אַבְרָהָמְקֶע שׁוּסטֶער אִיז אַ גוּטֶער דָאקְטָאר אוּן הָאט צוּ אַלֶעמֶען אַ מִיטֶעל–הָאט גֶעזָאגְט דֶער שׁוּסטֶער–עֶר הָאט גֶענֶעמֶען אַ חֵלֶבִ׳ן לִיכְט אוּן הָאט זֵיי אָנגֶעשְׁמִירְט אִינְוֶוענִיג.

עֶנְדְלִיךְ, נָאךְ שְׁוֶוערֶער מִיה, הָאט דֶער בָּחוּר אַרוֹיפגֶעשְׁלֶעפּט דִי שקְרַאבֶּעס.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען דער טאָרג.

דער שוסטער האָט געוואָלט, אַז דער בחור זאָל איהם צוגע־בען צו זיינע שקראַבעס נאָך 25 קאָפּיקעס. דער בחור האָט נאָר געוואָלט געבען 15 קאָפּיקעס. נאָך אַ היבשער צייט דינגען זיך, מיט חכמה'ליך פון ביידע צדדים, האָט זיך געענדיגט דער חילוף מיט 20 קאָפּ. צוגעבען.

דער בחור איז אַוועק מיט דער מציאה, און דער שוסטער האָט זיך גענומען פערשטאָפּען די פּיסקעס פון מיינע „משוררים".

דער שוסטער איז געווען גראָדע אַ רעדעוודיגער. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז זיין פּאַטער איז געוועזען אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט. ווען ער האָט געענדיגט די סלוזשבע האָט ער זיך בעזעצט אין מאָסקווע און האָט דאָרט חתונה געהאַט. ער אַליין איז אויך געבוירען געוואָרען אין מאָסקווע. פון קליינערהייט אָן האָט זיך איהם פערגלוסט אַביסיל אַרוים צופאָהרען אויף דער וועלט. ער איז אומ־געפאָהרען די גאַנצע וועלט ביז ער איז שוין פערבליבען אין בעסאַראַביע.

— וואָהנט איהר דאָ מיט אַ ווייב? — האָב איך איהם געפרעגט.

— יע.

— אויך אַ ליטוויאַטשקע?

— ניין, אַ בעסאַראַבסקע, איך האָב געהאַט אַ לוטוואַטסקע, — האָב איך איהר געפּטרט.

— פאַר וואָס?

— ווייל איך האָב געוועהן, אַז זי קאָן זיך בעגעהן אָהן מיר.

— וואָס הייסט?

— אַז איך בין אַוועק אין סלוזשבע דינען, און בין דערנאָך אַ היים געקומען, — האָב איך געטראָפען ביי מיין ווייב אַ קינד; און איך האָב עס איהר ניט געסיקט אויף דער פּאָסט.

פּונים שטיביל האָט זיך געהערט פערשידענע קולות: גראָבע דינע, הייזעריגע, אַגעשריי, אַ געלעכטער מיט אַ מין איבערשטופּען זיך.

— וואו זענען ערגיץ מיינע זאקען ? אַ טויט אויף דיר !

— איך זאָל אזוי וויסען פון דיר !

— וואו זענען ערגיץ מיינע שיך ?

— חאפט דיך דער רוח !

— ווי איז מיין בענדיל ?

— זיך עס אין פענדיל !

— פאר אַזא עצה ,—קומט דיר אַ קלאפ אין פלייצע ,

— פאר אַזא וואָרט,—מייגסט דו ליגען אויפ'ן הייליגען אָרט׳

— ווייסט דו וואָס, שׂרה ? זיי גאָר די כפּרה !

— און דו , דינה , נעם אַיין אַ מיתה משונה !

דער רעש איז אַביסיל שטילער געוואָרען און אַ מויד האָט זיך צעזונגען אויפ'ן הויכען קול :

האָסט דו מיך ליעב ,
זיי־שזע מיר טייער ;
אַז ניט—
ברען , ווי אַ פייער !
האָסטו מיך ליעב ,
— זיי־שזע מיר גוט ;
אז ניט—
שפּיי־זשע מיט בלוט !

— סאַ , סאַ ! לאָז זיין סטיל !—האָט זיך דער שוסטער צושריגען

די קולות האָבען אויפגעהערט און דאָס חדריל האָט אָנגעהויבען אויסשפּייען פון זיך זיינע קוואַרטיראַנטען .

צום ערשטען איז אַרויסגעקומען א לאַנג ווייבעל , אַ באָרוויסע . אַ צופאָטעלטע . אַ מעוברת'ע מיט אַ קינד אויף די הענד . דאָס קינד האָט אַפּנים ווי פון דער דאָר ; מאָגער געקאָרשעט און מיט אַ זויער פּנימיל .

מיין שוסטער גיט אַווינק אויף איהר מיט די אויגען.

— טאקע מיינע, די בעסאראבסקע.

— דאס קינד איז קראנק? — פרעג איך.

דער שוסטער פערקרומט די נאז.

— ס'איז ניט מיינס; כ'איז א פרעמדס. מ'האט עס איהר גע-געבען אויף אויסצוהאדעווען.

— און זיין טאטע-מאמע?

— פערשטעהסט איהר מיך, זיין טאטע איז א ווילדער בריה: ער האט אויפגעיעט חתונה צוהאבען און בעקומען א קינד, נאך איידער ער איז געשמאנען צום זשערעב. אז ער איז אוועקגעגאנגען פאר א כאלדאט, איז דאס ווייב געגאנגען דינען מיט'ן קינד. ווען ער איז א היים געקומען אויף אמפיסקע, — האט ער אויפגעיעט בע-שאפען נאך איינס. אצינד דינט זי מיט דעם עלטערן קינד, און פאר דעם צאלט זי מיר 3 רובעל א חדש, כמעט די גאנצע שכירות, וואס זי נעמט.

— סטייטש; אייער ווייב „טראגט" זיך, ווי אזוי זשע זויגט זי א קינד?

— זי זויגט עס ניט, זי האדעוועט עס מיט „געקייע'טס.

נאך דעם ווייבעל, האט זיך ארויסגעיאוועט פונ'ם חדריל א מויד, א קורצע, א גואבע, אויך א בארוויסע א צעפאטעלטע, מיט א פנים פול מיט שטיפלען, און האט זיך געווענדעט צום רויטליכען יונגענמאן, וועלכען איך האב געטראפען ביים וואשען זיך, ווען איך בין אריינגעקומען.

— שלמה פארע טיי!

דער רויטליכער יונגערמאן האט גענומען אבלעכין טשייניקעל, אריינגילעקט אהין עטליכע זערנעס טיי און איז צוגעגאנגען צו דער מויד.

די מויד האט אופגעבונדען א קניפעל ארויסגענומען עטליכע קאפיקעס, האט זיי איהם געגעבען און געזאגט:

— נא קויף פאר א גראשען וואסער, פאר צוויי קאפיקעס

צוקער און פאר פונף קאפיקעס ברויט. און זי איז צוריק אריין אין שטוביל.

איך האב געפרעגט דורך א ווינק אויף דעם פארעל. מיין שוסטער האט מיר געענפערט;

— חתן־כלה.

— ווען וועט זיין די חתונה?

— שבת אחרי־מות.

— שבת אחרי־מות איז דאך שוין געוועזען...

— האט מיר קיין פעראיבעל ניט, איהר זייט א יאלד. איך מיין: א שבת נאך זיין טויט אדער נאך איהר טויט.

איך פערשטעה אלץ ניט.

— נאך וואס דארף ער חתונה האבען?–קלערט מיך אויף מיין שוסטער–אז ער איז א חתן,–דינט זי און האדעוועט איהם, אבער אז ער וועט חתונה האבען פאר איהר,–דארף ער דאך הארעוועןְ, פערסווארצט ווערען און זי האדעוועןְ, און נאך וואס טויג עם איהם?

— און זי שווייגט?

— אז זי וועט איהם סטארק דערקוטשען, ער זאל מיט איהר חתונה האבען, וועט ער זי סיקען צו אלדע־סווארצע־יאהר, און וועט בעקומען נאך אזא מציאה.

אצינד שפייט אוים דאס שטוביל צוויי בתולות, ביידע שווארצע, ביידע פערשלאפענע מיט פערקיסענעטע אויגען, ביידע זענען בארוויסע.

— דאס איז מיינע כוועגערענס, מיין ווייב׳ס סוועסטערליך–ווייזט מיר אויף זיי דער שוסטער.

— און וואס איז זעהר ארבייט?

— זיי ריזען מיר אפ די קאפ. זעקס וואכען דינגען זיי אויף א ארט און פיער חדשים–זיצען זיי אין־דער־היים. וואס זאל איך טהון מיט זיי?

פונים שטובּיל הערט זיך אַלע-מאָל דאָס קרעכצען פון אַחולה:

— וועה איז מיר און בּיטער איז מיר! וועה איז מיר און בּיטער איז מיר!

— ווער איז דאָס?

— מיין סוויגער. זי איז קראַנק.

— פאַר וואָס פיהרט איהר זי ניט אין שפּיטאָל אַריין?

— זי וויל ניט.

— פאַר וואָס?

— זי ווייסט, אַז זי דאַרף שטאַרבּען, — וויל זי שטאַרבּען בּיי זיך אויפ'ן בּעטיל.

דער „חתן” איז געקומען, געבּראַכט טיי, צוקער און בּרויט. איך זעה דורך דער טיר ווי „חתן” „כּלה” זיצען זיך אויפ'ן בּעט, בּיים טיש, ווי די טייבּעליך, טרונקען טיי און געזעגען זיך. ער זאָגט איהר:

— שׂרהלע, מיין כּפּרהלע!

און זי ענטפערט:

— מיין פּיסטרין לאָשיקיל!

און אַ קעגען אויף דער סאָפּקע ליגט די קראַנקע. קאָנוואול-סיווע שמערצען פערקרומען און פערדרעהן איהר געל, אָבּגעצערט פּנים. זי וואַרפט דעם קאָפּ אַהין און אַהער און קרעכצט:

— וועה איז מיר, וואונד איז מיר! וועה איז מיר, וואונד איז מיר!

יום כּפּור

I.

ערב יום כּפּור מנחה צייט.

אַ גרויסער, אַ הייליגער מאָמענט פאַר יעדען יודען.

יעדער יוד פיהלט זיך עפּיס, ווי ניי בעשאַפען.

די אַלע וואָכענדיגע דאגות, די אַלע גראָשענדיגע אינטערעסען זענען אַוועק גאַנץ ווייט; זיי האָבען זיך פערשטופּט ערגיץ אין אַ ווינקעלע. יעדער יוד פיהלט אין זיך עפּיס אַ איידעלעס שטאָלץ, אַ אינווייניגסטע פרייד אויסגעמישט מיט פחד און מורא. ער ווייסט, אַז עס געהט דער יום-הדין. דער אַלמעכטיגער גאָט וועט האַלטען אין זיינע הענד די וואָגשאָל און וועט וועגען די מצוות מיט די עבירות; אין דעם טאָג משפּט מען אויף לעבען און טויט. ס'איז קיין קליינינקייט; נאָר דער יוד שרעקט זיך אָבער ניט אַזוי שטאַרק. ער האָט בריטע פּלייצעס. ער איז אַ שטיקעל תקיף בעולמות העליונים און די הויכע פענסטער: ער האָט גוטע אַדוואָקאַטען; ער האָט פאַר זיך אַפילו מליצים; ער האָט אַ "עקדת יצחק" און אַ גאַנץ לאַנגע קייט פון זידעס און באָבעס, וואָס זענען געהרגעט געוואָרען אויף קדוש-השם, וואָס האָבען זיך געלאָזט ברענען און בראָטען פאַר גאָט'ס תורהלע. ניט קשה, דער פאַר מעג דער רבונו של עולם איך אַ ביסעלע אַוועק קוקען; ער איז דאָך אַ "רחום וחנון!"

די שאטן ווערן אלץ לענגער, לענגער.
יודען רעשען.

איינציגע לויפן א היים גיך, געשווינד פון דער באד. פון זייערע בערד און פאות קאפעט טראפענווייז מקוה־וואסער; אין איילעניש האבען זיי אפילו ניט אויסגעפעט אפטרוקענען די האר.

ס'איז שוין צייט פארטיג מאכען זיך צום דאווענען. אנדערע געהן שוין אין שוהל, אנגעטהון בגדי יום־טוב. כמעט יעדער יוד טראגט אין איין האנד א גרויסען טריי־אנגעפאקעוועטען טלית־זאק. דארטען געפונט זיך איצט אלע יודישע כלי־זין, א גראב סידור, א תהילימ'ל א לקוטי־צבי וכדומה; און אין דער אנדערער האנד — צוויי וועקסענע לעכט: איינ'ס א גרויס, דאס איז דאס לעכט „פונ'ם לעבען" און דאס צווייטע — א קליינס, א איינגעשרימפענס, דאס איז דאס „נשמה־לעכט."

דאס תאמשעוואטער בית־המדרש שטעלט פאר אין דעם מאמענט אזא בילד: דער פאל איז בעדעקט מיט פריש היי. דער ריח און דער שטויב פונ'ם היי פולען אן דאס גאנצע בית־המדרש. איינציגע שטעהן, דאווענען מנחה, קלאפען זיך גאנץ ערנסט „אשמנו" „בגדנו" „גזלנו" און חליפען צו צוביסליך: די אנדערע זענען שטארק פערנעמען מיט דעם אנרעכטען די וועקסענע לעכט אין קעסטליך מיט זאמד; איינער א יונגערמאן, וואס קען ניט לעבען אהן קדושה וברכו, האפט זיך צום עמוד און זאגט א „קדושה". דערווייל גנבעט זיך אונטער איינער און חאפט ארויס צוויי לעכט פון די וואס שטעהן פאר'ן עמוד, און שטעלט אריין זיינע אויף זייער ארט; ניט ווייט פונ'ם ארון־קודש שטעהט דער שמש מיט א רימען אין דער האנד, און אלע פיינסטע בעלי־בתים געהן צו, לעגען זיך אנידער מיט'ן פנים אראב, און דער שמש צעהלט יעדען אב צו שמיץ: און קיינער בייערט זיך אויף איהם ניט. אפילו הר"ר 39
גרונם, וואס א גאנץ יאהר הערט דער שמש פון איהם קיין אנדער

ווארט ניט חוץ: „אין־טאטענס־טאטען״, „שגץ״, „מחוצף״, „עזות־פנים״, „הילטיי״, „נבלהניק״, „כלב שבכלבים״. און גאנץ אפט פערגינט ער זיך טאקע ארויפלעגען זיין רעכטע האנד איבערן שמש באקען, און דער לעצטער מוז די אלע זאכען מקבל זיין באהבה. אפילו אט דער אייגענער הר׳ גרונם־ריקט זיך אציגד אויך צו בהכנעה, לעגט זיך אליין אנידער געלאסען, מיט דעם פנים אראב און שטרעקט זיך אויס, און דער שמש צעהלט זיך גאנץ פאמעליך: „אחת״, „אחת ואחת״, ביז 39 שמיץ. ר׳ גרונם הייבט זיך אויף פאוואלע, איינגעטונקען אין היי, מיט א רחמנות־פנים, טאקע ווי אבגעשמיסען, און ריקט נאך אריין דעם שמש א מטבע. עס ווייזט אויס, אז היינט איז דעם שמש טאג; היינט קאן ער זיך נוקם זיין און זיינע בעלי־בתים פאר די אבידעס און בעליידיגונגען פון א גאנץ יאהר;

נאר דער גאנצער יריד איז אין פאליש ביי דער טיר: דארט רעשט זיך ביי דער „שיסעל״. ביי א קליין טישעלע זיצט דער גבאי מיט די „פני העדה״; פאר זיי שטעהט די „שיסעל״; אין דער זייט זיצט דער חזן מיט זיין „שיסעלע״, און נעבען חזן זיצען עטליכע בית־המדרש בחורים מיט זייערע „שיסעליך״; אויף יעדען שיסעלע ליגט א קוויטעלע; די קוויטעליך זענען אנגעשריבען מיט כתיבות־אותיות: „סומך נופלים״ „ביקור חולים״, „מלביש ערומים״, „תלמוד־תורה״ „הכנסת אורחים״ וכדומה. נעבען איין „שיסעלע״, אויף וועלכען עס ליגט א קוויטעל. „לישוב ארץ ישראל״, זיצט א היינטוועלטיג־בחוריל „א ציוניסט״. יעדער, וועלכער קומט אריין אין בית־המדרש, מוז פריהער צוגעהן צו דער „שיסעל״, בעצאהלען וויפיעל עס קומט פון איהם פאר דער „עליה״, פאר דער „שטאדט״, און דער נאך אריינווארפען עטליכע קאפיקעס אין די איבעריגע „שיסעליך״.

II.

בעריל צאפ האט זיך גיך צוגעשטופט צו דער „שיסעל״

בעצאהלט וויפיעל עס איז געקומען פון אידם, אריינגעווארפען עטליכע גראשען אין די איבעריגע „שיסעליך“ און האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה. ער האט געוואלט אביסעל אבשטעלען זיך ביי די ווערטער פונים דאווענען, צוהערען זיך צום פירוש המלות, צום געדאנק פון די ווערטער, צופעסטען זיך. עס איז זיך כארט עפּיס ערב־יום כפור! נאר, ווי אויף להכעיס, איז אידם אלץ געקראכען פוסטע געדאנקען אין קאפ אריין, און האבען אידם מבלבל געווען. ס'האט זיך אויסגעמישט ביי בערלין אין קאפ די ווערטער פונים דאווענען מיט האבער, שטרוי, ווייץ, גערשטען. און וויפיעל ער האט זיך ניט געמוטשעט, ער זאל פערטרייבען פון זיך די פוסטע געדאנקען, — איז אידם דאך ניט געראטען. „תקע בשופר גדול להרותנו“ — האט בעריל געשריגען אויף א קול — און האט דערנצמאלט געטראכט, — אז ביי איוואנען איז געבליבען אונטערשטעליג 10 מיימטליך ווייץ. „ושא נס לקבץ גליותינו“... און מיט סטעפאנ'ן האב איך טאקע א טעות געהאט אין 30 קאפ?.. בעריל האט געזעהן, אז ס'איז אידם אונמעגליך דאווענען מיט כונה, — האט ער זיך גענעמען אבחאפען די „שמנה עשרה. ערשט ביי דער „וידוי“ האט ער געקאנט צונויפנעמען זיינע פערפלאנטעטע געדאנקען און איינהערען זיך אין דעם געדאנק פון די ווערטער; אז ער האט אויפגעהויבען די האנד קלאפען זיך „אשמנו“ „גזלנו“, — איז די האנד געבליבען הענגען אין דערלופטען, און איז ניט צו צום הארץ... א שוידער איז דורכגעלאפען דורך אלע זיינע גלידער.. די אותיות פינים ווארט „גזלנו“ האבען פלוצים אנגעהויבען וואקסען און וואקסען... זיי זענען שוין גרוים ווי די ריזען... זיי האבען בעקומען משונהדיגע קאלירען: רויט, בלאה, גרין, געל, שווארץ.... אט האבען זיי שוין גאר אנגענעמען דאס געשטאלט פון גרויסע זשאבעס... זיי ווערען אלע מאל גרעסער, גרעסער, זיי קריכען אידם אין די אויגען, גרילצען אין די אויערען: „דו ביזט א גנב! א גזלן! דו האכט גע־גנבט, געראבעוועט! דו מיינסט אז קיינער האט ניט געזעהן — וועט

עם דיר אזוי אבלויפען ? דו האסט א טעות ! פארין כסא הכבוד וועלען מיר שטעהן און שרייען : דו ביזט—א גנב ! א רויבער !״...

בעריל איז געבליבען שטעהן א היבשע ווילע מיט דער האנד אין דער לופט אויפגעהויבען.

די גאנצע געשיכטע מיט דעם הונדערטער איז אצינד ארויפגעשווימעו פאר בערילס אויגען...

צוריק מיט א פאר חדשים איז ער אריינגעקומען אין שטוב צו ר׳ משה חלפן. דער לעצטער איז גראדע ארויסגעגאנגען; און שטוב איז קיינער, חוץ איהם, ניט געוועזען און קיינער האט איהם ניט געזעהן אריינגעהן...

דאס שליסעלע האט געשטעקט אין קאנטאר—טישעל... בעריל האט אהנגעטראכט, כמעט נאר אנגעריהט דאס שליסעלע... דאס שופקעסטעלע האט זיך אזוי ווי אליין ארויסגעריקט... פאר זיינע אויגען האבען געבליצט עטליכע הונדערטער... גראדע אין דעם טאג האט בעריל בעקומען זעהר א מאוסען בריעף פון זיין מחותן. דער מחותן, אזוי ווי אויף להכעיס, איז דוקא נאך געדעכט אויך... בעריל פיהרט אידם שוין צוויי יאהר מיט דער חתונה... אוודאי שרייבט איהם דער מחותן גאנץ ריין, אז, אויב ער וועט ניט חתונה מאכען נאך סוכות,—וועט ער אבשיקען די תנאים...

„אבשיקען די תנאים״!... די פייערדיגע אותיות האבען געברענט בערילס מוח...

ער קאן גוט זיין מחותן, דעם מתנגד! ער וועט זיך ניט איבער שרעקען פאר אבלאזען א שידוך אויך!... און געה האלט זיך מיט זעהר ניט קיין שענער בתולה פון עטליכע-און-צוואנציג יאהר!... און א חתן האט ער אנגעטראפען זעהר א לייטישען... און מיט איינעם פון די הונדערטער, וואס ליגען דא צוווארפען, קאן ער ווערעז אויסגעלעזט פון אלע זיינע צרות! און דער יצר-הרע טורקעט איהם אין קאפ אריין: בעריל! אצינד, אדער—קיינמאל ניט!... דו וועסט אויסגעלעזט ווערען פון אלע דיינע צרות!... „זעהסט

דאָך ס'איז פּשוט אַ גאָט זאַך !...״. ער, בעריל האָט זיך געגנוג גע
באָרעט... ער געדענקט גוט און הערט נאָך איצט דאָס דינע קולכיל
פונים יצר–טוב: „בעריל! אויף דער עלטער ווערען אַ גנב?... דו
וואָס האָסט זיך אָבגעהיט אַפילו פון אַ טעות גוי!?... פע, שעם
זיך! אַז גאָט וועט וועלען, וועט ער דיר העלפען בכשרות אויך...״
נאָר דאָס קול פונ'ם יצר–טוב איז אָבער געוועזען אַזוי שוואַך, אַזוי
היזעריג! און דער יצר–הרע האָט בערלין געהילעכט אין די אויערען:
״ווייסט דו וואָס? אַנטלייף דיר הינדערט רובעל!... ווער שמועסט גאָר
פון גנבה!... דו וועסט פערדיענען, –וועסט דו איהם אָבגעבען..
דאָס איז אַ פּשוטער גמילות חסד, נאָר אָהן יעגעמס וויסען!... דאָס
איז דאָך (מען זעהט דען ניט אַרוים בחוש?) אַ גאָטס זאַך!... וואָס
דען הייסט השגחה?... דו וועסט דען נעמען מעהר, וויפיעל דו
מוזט האָבען?... דו קאָנסט דיין מחותן?... האָסט בעטראַכט דיין
אַלטע מויד?... דעם חתן געדענקסט דו?... דער מחותן ווערט
גוט, ווייך, ווי טייג... פונ'ם חתן ווערט איין זיידין איידעמיל... די
אַלטע, מיאוסע מויד ווערט אַ יונג ווייבל... שוטה! גאָט און לייט
וועלען דיך מקנא זיין!...״ און ער, בעריל, האָט פערלוירען דעם
קאָפּ. די געדאַנקען זענען זיך צופלויגען, ווי דערשראָקענע פייגעליך,
און... ער דערקענט שוין ניט ווער פון די צוויי קולות–איז דעם
יצר-טובס, און...

קיינער האָט איהם ניט געזעהן ארויס געהן פון משה חלפן...

און די האַנד הענגט נאָך אַלץ אין דער לופטען. זי וויל ניט
צוריקפאַלען צום האַרץ. זיין שטערן איז בעדעקט געוואָרען מיט אַ
קאַלטען שוויים.

בעריל האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פונ'ם שלאָף. ער האָט בע-
מערקט, אַז מ'הייבט אָן קוקען, ווי ער האַלט די האַנד וייט פונ'ם
האַרץ. ער האָט אין–דער–גיך אָבגעקלאַפּט דעם „ועל חטא״, גע-
ענדיגט די „שמנה עשרה״ און איז גיך אַהיים געגאַנגען.

אין דער היים האָט בעריל קיין סך שהיות ניט געמאַכט ביים

עֶסֶען. עֶר האָט זִיךְ נאָר גֶעוַואשֶׁען, גֶעמַאכט „הַמּוֹצִיא“ און שׁוין. דאָס עֶסֶען אִיז אִיהם נִיט גֶעקראָכֶען אִין האַלז אַרַיין. עֶר האָט זִיךְ אָבְּגֶעבֶּענטשט, אַוֶועק אִין שׁוּהל אַרַיין, אָנגֶעטהוּן דֶעם טַלִית און האָט זִיךְ גֶענֶעמֶען גֶעשְׁמַאק זאָגֶען דִי „תְּפִלָּה זַכָּה“.

III.

דִי אָנגֶעצִינדֶענֶע וֶועקסֶענֶע לִיכט, דִי לֶעצְטֶע שׁטְרַאהלֶען פוּן דֶער זוּן, וואָס האָבֶּען זִיךְ נאָךְ אַרַיינגֶעגַנבֶ׳ט דוּרךְ דִי פֶענסטֶער פוּנ׳ם בֵּית־הַמִּדְרָשׁ, דֶער גאַנצֶער עוֹלם אָנגֶעטהוּן אִין וַוייסֶע קִיטְלֶען און אַיינגֶעוִויקֶעלט אִין דִי טַלֵיתִים, דאָס טִיעֶפֶע עֶרנסט, וואָס אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיסגֶעגַאסֶען אוֹיף יֶעדֶער פָּנִים, דאָס גֶעזֶעמִיל מִיט דֶעם בִּיטֶערֶען גֶעוַויין, וֶועלכֶע האָבֶּען זִיךְ אַרַיינגֶערִיסֶען פוּן „עֶזְרַת נָשִׁים“ — דאָס אַלֶעס־האָט גֶעשְׁטִימְט מִיט בֶּערִילס לַאגֶע, מִיט זַיין צוּבּראָכֶען הַארץ. בֶּערִיל האָט גֶעזאָגט דִי „תְּפִלַּת זַכָּה“ מִיט גֶעפִיהל, טְרֶעהרֶען האָבֶּען זִיךְ גֶעגאָסֶען פוּן דִי אוֹיגֶען. זַיין אַייגֶענֶע, צוּבּראָכֶענֶע שְׁטִימֶע אִיז אַרַיינגֶעקראָכֶען טִיעֶף־טִיעֶף אִין זַיין הַארץ: יֶעדֶער וואָרט האָט גֶעפוּנֶען בַּיי אִיהם אַ אָבְּקלַאנג און האָט זִיךְ צוּגאָסֶען אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע אֵבָרִים. בֶּערִיל האָט זִיךְ גֶעפֶּעסטֶעט פַאר זַיין גאָט, ווִי אַ קלַיין קִינד־פַאר זַיין טאַטֶע מאַמֶע. עֶר האָט גֶעוַויינט, אוֹיסדֶערצֶעהלט זַיין שׁוֶוער בִּיטֶער הַארץ, זַיינֶע דַאֲגוֹת, זַיינֶע יִסוּרִים. בֶּערִיל אִיז גֶעוֶועזֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין צוּפְרִידֶען. עֶר האָט גֶעפִיהלט, אַז עֶר זאָגט נִיט דִי וֶוערטֶער גלַאט אַזוֹי, „מֵהַשָּׂפָה וּלְחוּץ“, נאָר עֶר טהוּט אֶמֶת תְּשׁוּבָה, מִיט דֶעם גאַנְצֶען הַארץ. עֶר האָט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע זִינד און גאָט אִיז זִיךְ אַ „רַחוּם וְחַנּוּן“, און וֶועט אִיהם גֶעווִיס מוֹחֵל זַיין.

„וְעַל זֶה דָוֶה לִבִּי, כִּי עַל חֵטְא שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּר מְכַפֵּר עַד שֶׁיְרַצֶּה אֶת חֲבֵרוֹ“.

„וְעַל זֶה נִשְׁבַּר לִבִּי בְּקִרְבִּי וְרָחֲפוּ עַצְמוֹתַי, כִּי אֲפִילוּ יוֹם הַמִּיתָה אֵין מְכַפֵּר“.

„דֶערוֹיף וֶועהטִיגט מִיר דאָס הַארץ־האָט בֶּערִיל אָנגֶעהוֹיבֶּען

זאָגען,–אַז אויף דער זינד וואָס אַ מענש זינדיגט געגען זיין חבר,–איז אפילו יום כפור ניט מכפר, ביז ער וועט ניט איבערבעטען זיין חבר... דעריבער איז מיין הארץ צובראָכען און מיינע גלידער ציטערען, וואָס אפילו דער טאָג פונים טויט קאָן אויך ניט מכפר זיין די עבירה...

בעריל האָט אָנגעהויבען זאָגען געשמאַק, וויינענדיג, פעסטענדיג זיך. ער האָט יעדעס וואָרט אויסגעצויגען פּאַוואָלע, לאַנגזאַם; נאָר פלוצים איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען... בעריל האָט מיט איינמאָל דערפיהלט, אַז ער געפונט זיך אין אַזאַ מעמד, ווי איינער, וועלכער לאָזט זיך אַריינגעהן דורך איין אָפענער טיר. ער געהט. ער מוז אהין אַריינגעהן, עס געהט איהם אין לעבען. נאָר פלוצים, ווען ער איז שוין כמעט מיט איין פוס איבער דער שוועל,–ווערט די טיר גיך און מיט אַ שרעקליכען טראַך פערמאַכט אינוועניג פאַר זיינע אויגען און ער בלייבט שטעהן אין דרויסען...

און דאָס לייענט ער אין דער „תפלה זכה"? מיט אַ ציטערניש און פלאַטערניש אין הארץ האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט און איבערגעקוקט די ווערטער... אַ קאַלטער שווייס האָט איהם בעגאָסען... די ווערטער האָבען איהם געשטאָכען, ווי מיט שפּילקעס... הייסט עס, אַז די צוויי פסוקים זענען זיינע אונדערבאַרימדיגע שופטים? זיי לייענען און געבען איהם אַרויס זיין פסק-דין?... הייסט עס, אַז ער איז שוין פערכשפט?... יאָ, יאָ, דו ביזט שולדיג!–האָבען געפלאַקערט די ווערטער פון די צוויי פסוקים,–און דאָ העלפט שוין ניט קיין בעטען, קיין טרערען... זיין הארץ האָט אפילו געשריגען צו גאָט „רחמנות, דערבאַרימדיגער פאָטער! אַ דערוואַקסענע מויד!... דער מחותן דאָט געוואָלט אָבלאָזען דעם שידוך... איך וועל פערדיענען וועל איך אָבגעבען... ער האָט אָבער אַליין געוואוסט, אַז דאָס איז אומזיכטיגע תירוצים: דער רבונו-של-עולם קאָן נאָר מוחל זיין די זינד געגען איהם, אָבער דאָס, וואָס מען

זינדיגט אקעגען א מענשען,—איז אפילו יום-כפור ניט מכפר!

בעריל האט נאך א מאל אקוק געטהון אין דער תפלה זכה. פאר זיינע אויגען האבען א פינקעל געטהון די ווערטער „עד שירצה את חבירו"... א שטראהל פון האפנונג האט זיך אויף א ווייל ארייגעגנב'ט אין זיין פערצווייפעלט הארץ—„ער האט נאך א מיטעל: ער דארף נאר צוגעהן און איבער בעטען משה חלפן"... נאר דער פונק האפנונג איז אבער גיך פערלאשען געווארען. „איז דאס ווירקליך אזוי גרינג?—האט בעריל זיך אליין געפרעגט—און מיין כבוד? מיין שם טוב? און דער שידוך?—„רחמים, גאטוניו, פאטערניו, האב רחמנות!"— האבען בעריל'ס אלע אברים, פול מיט פערצווייפלונג, געבעטען.

בעריל האט שוין ווייטער ניט געזאגט די „תפלה זכה". ער איז פערזונקען געווארען אין זיינע שווערע געדאנקען. פאר זיינע אויגען האט זיך אצינד פארגעשטעלט זיין גאנץ לעבען. ער, בעריל האט קיינמאל קיין דאגה ניט געלעקט. ער האט אויף זיין לעבען גענוג צרות, יסורים און דאגות איבערגעטראגען, נאר גאט האט איהם ניט פערלאזט. פיעל מאל איז פארגעקומען אין זיין לעבען אזוינס, אז ער האט שוין גערעכענט, אז ער איז א פערפאלענער, און האט שוין זיין גאנצע האפנונג אנגעווארען. דאך האט איהם גאט אויסגעפיהרט גאר אומגערעכט, און דוקא ארענטליך, כשר, יודיש. און אצינד—האט ער פלוצים, מיט איינמאל אנגעווארען דעם בטחון צו דער השגחה פון זיין ליעבען נאמען! „בהמה! —האט זיך בעריל גערייצט מיט זיך אליין—האסט דיר געזוכט צרות? האסט דו זיי! פאר הונדערט קערבליך האסט דו פערקויפט דיין גוף מיט דער נשמה צוזאמען! גנב!—גנב!! גנב!!!" פון דעם רייצען און זידלען זיך האט בעריל משוגה ווילד הנאה געהאט. דאס באברען אין די אייגענע וואונדען האט איהם געבראכט עפיס א מין פערגעניגען...

בעריל, פערטיעפט און זיינע טרויעריגע געדאנקען, האט גאר פערגעסען וואו ער איז ערגיץ אין דער וועלט. און דער עולם האט

שוין אָבגֶעזאָגט די „תְּפִלָּה זַכָּה" און מַאכט זיך שוין פֿאַרטיג צום „כָּל נִדְרֵי". דער חַזָן איז שוין געשטאַנען בַּיים עַמוד. פֿון זיינע ביידע זייטען זענען געשטאַנען צוויי פֿון די פֿיינסטע און שענסטע בַּעלֵי-בָּתִּים מיט די תּוֹרוֹת אויף די הענד. איינער פֿון זיי איז געוועזען משה חַלְפָן. אין בֵּית-הַמִּדְרָשׁ האט זיך געהערט אַ טִיפֿע שטילקייט. די לעצטע גאָל-דענע שטראַהלען פֿון דער זון האָבען זיך נאָך אַריינגעכאַפּט אין בֵּית-הַמִּדְרָשׁ און האָבען זיך אויסגעמישט מיט דער שיין פֿון די וועקסענע ליכט.

„עַל דַעַת הַמָּקוֹם וְעַל דַעַת הַקָּהָל
„אָנוּ מַתִּירִים לְהִתְפַּלֵּל עִם הָעֲבַרְיָנִים."

האָבען פּלוצים דערהערט בּעריל'ס אויערען. דאָס איז געוועזען משה חַלְפָן'ס קול. דאָס קול איז געוועזען שטיל, זיס, טרויעריג. בּעריל האָט אַקוק געגעבען אין דער זייט, וואו משה חַלְפָן איז געשטאַנען, און ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז משה חַלְפָן קוקט צו איהם אויף. ניט אין די אויגען קוקט ער איהם, נאָר טִיעף אין האַרץ אַריין, און לייענט דאָרט איבער די ווערטער: גַנָב? עֲבַרְיָן! און דאָס איז ער, משה חַלְפָן, מַתִּיר דעם עוֹלָם דאַוונען מיט איהם, בּעריל גַנָב, צוזאַמען!...

— רַחֲמִים, רַחֲמִים! בַּארימהערציגער גאָט!—דאָט בּעריל'ס האַרץ געשריגען פֿערצווייפֿעלט.

IV.

מ'האָט אָבגעדאַוונט מַעֲרִיב, אָבגעזאָגט די ערשטע 4 קאַ-פּיטליך תְּהִלִּים און דעם „שִׁיר הַיִּחוּד". דער עוֹלָם איז זיך צוגאַנגען אַ היים, אויסרוהען זיך און זאַמלען נייע כּחוֹת אויף מאָרגען.

געבליבען זענען נאָר עטליכע יְחִידֵי סְגוּלָה, וואָס פֿערברענ-גען די גרעסטע טהייל נאַכט מיט תְּהִלִּים זאָגען, מִשְׁנָיוֹת לערנען וכדומה; זיי האָבען אַ דְרִימעל אויף אַ ווייַלע און טאַקע פּשוּט אויף דער הוילער ערד, מיט אַ בִּיסעל היי אונטערגעשפּרייט, און

צו קאפּענם אונטערגעלעגט עפּים איין אלטע קאפּאטע. בעריל איז אויך געבליבען נעכטיגען אין בית המדרש. ער האט זיך אנידער געזעצט און א ווינקעלע, אנגעטהון אין קיטעל און אין טלית. ער האט זיך גענעמען זאגען תהלים געשמאק. ער האט געזאגט, געזאגט, ביז דער שלאף איז איהם בעפאלען. בעריל האט זיך געפּרובט בארען מיט'ן שלאף. ער האט גענעמען א געשמאקען שמעק טאבאקע, זיך געריבען די אויגען, צונויפגענעמען זיינע געדאנקען; ס'האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען. די ברעטליך פון'ם תהלימ'יל זענען עפּים ווי פערשמירט. די שורות זענען גאר קרום און קאסע געוואָרען. דער קאפּ ווערט שרעקליך שווער, די אויגען קלייבען זיך און די נאז פאלט צו אלע מאל צום תהלימיל. בעריל האט זיך נאך אפילו געשטארקט, אלע מאל אויפגעחאפּט ווי א אבגעבריהטער. נאר דער שלאף איז אבער געוועזען שטארקער פון איהם. פּאוואלע האט זיך בעריל אראבגעריקט פון דער באנק אויף דער פאדלאגע. דאס תהלימיל האט זיך ארויסגעגליטשט פון די הענד. זיין קאפּ האט זיך אנגעשפּארט אויפ'ן היי, און איז געשמאק איינשלאפען געוואָרען...

און בעריל זעהט א חלום.

ס'איז היינט יום־כפּור, און דאך איז יריד אין שטעדטיל, א יריד ווי מע זאגט „ערדטרעטיניש". פון גאנץ לאנגע יאהרען געדענקט בעריל ניט אזא יריד, אז עס זאל זיין אזוי פיעל מענשען מיט אזוי פיעל סחורה. ס'איז דא פון אלעם־גוטען: בהמות, פערד, שאף, תבואה, פרוכטען. אלע תמשעוואטער יודען דרעהען זיך ארום אויפ'ן יריד מיט די ווייבער און קינדער. מען־קויפט, מען־פערקויפט. און דער לופט טראגט א רעש, א געפילדער, א געשריי. עס קאכט עס זיד און עס ליארעמט: דער לויפט א היין; דער לויפט א הער, דער טרייבט א היים א קוה; דער פיה־ט א היים א פערד ביי דער צוים; און דער קויפט א גאנץ וועגעלע תבואה. בערלין איז די גאנצע געשיכטע שטארק פריקרע. ווי אזוי איז דאס מייגליך:

אז יודען זאלען זיך אבגעבען מיט מסחר אין יום-כפור, אין אזא הייליגען טאג? סטייטש, ער געדענקט פון תמיד, אז יום-כפור זיצען יודען א גאנצע טאג אין שיהל, אין די הוילע זאקען אנגעטהון אין קיטעל און אין טלות, און מען דאווענט, און מען וויינט. און וואס פאר א מין איבערקערעניש איז אצינד פלוצים געווארען, אז אלע יודען האנדלען היינטיגען יום-כפור, ווי אין א פשוטען טאג און געהן גאר אנגעטהון אין שיך און אין שטיוויל? (דאס וואס מע געהט אנגעטהון אין די שטיוויל, האט עפיס בעריל געארט מעהר פון אלסדינג). אפשר איז דאס גאר נאר א חלום? — האט בעריל געטראכט אין שלאף. — נאר אין ס'איז ניט קיין חלום! אט דרעה איך מיך אליין ארום אויף דעם יריד וואכענדיג. און דאס געשריי מיט'ן געפילדער, וואס גרילצען מיר אין די אויערען איז אויך א חלום! און דאס, וואס אט נאר וואס האב איך אליין געחאפט א קלאפ אין דער פלייצע פון א גוי, וואס האט דורכגעפיהרט א פערד. — איז אויך א חלום? — נאר מסתמא, אז די גאנצע וועלט טהוט אזוי, בעדארף א פנים אזוי זיין... דערווייל האט ער דערזעהן, ווי א גוי פיהרט א פערד, דאס פערד איז איהם שטארק געפעלען. בעריל קויפט דאס פערד און זעצט זיך אויף איהם רייטענדיג. בעריל גיט א קוק. דאס פערד איז טאקע א פערד, נאר ס'איז אבער אין אין וועגם משה חלפן אויך. בעריל וואונדערט זיך, ווי אזוי איז דאס מעגליך אז ס'זאל זיין אי א פערד, אי א מענש? נאר ער זעהט אבער פארט מיט זיינע אויגען אז ס'איז אזוי. ער וויל זיך אראבחאפען פונ'ם פערד, נאר דאס פערד טראגט איהם צו צו א קלייט. דארטען איז ער אראבגעקראכען און האט זיך געהייסען געבען א פונט צוקער. בעריל קוקט זיך צו צו דער וואג און ווערט נאך מעהר פערוואונדערט: אויף די וואג-שאלען, אויף וועלכע מ'האט בעדארפט וועגען דעם צוקער. וועגט מען גאר זיינע עברות מיט די מצוות. און ביידע וואג-שאלען שטעהן כמעט אין איין מאס, און פלאטערען ביידע אין דער לופטען...

פלוצים האט מען אויף דער שאל פון עברות ארויפגעווארפען א שטיק פאפיער. בעריל גיט א קוק: ס'איז גאר דער הונדערטער, וואס ער האט צוגענומען ביי משה חלפן... נאר ער איז אצינד פיעל גרעסער, ארום און ארום איז ער שווארץ, און די אותיות זענען רויט, פייערדיג... דאס שטיקעל פאפיער איז שרעקליך שווער: צוויי מענשען האבען עס קוים דערטראגען צו דער וואג-שאל, און אז זיי האבען עס מיט אלע כח'ות ארויפגעווארפען —האט געגעבען עפים א טראך אראב, טיעף, טיעף אין אבגרונד!...

אין דער רגע האט א יוד, וואס איז געשלאפען, נעבען בערלין צו קאפענס, אויסגעשטרעקט א פיס, און האט בערלין געגעבען א זעץ און קאפ אריין. בעריל האט זיך אויפגעכאפט...

ניט ווייט פון איהם איז געזעסען א גרויז-גרויער יוד, איינגעהויקערט, איינגעוויקעלט אין טלית און קיטעל, און האט געזאגט תהילים מיט א טרויעריגען ניגון און מיט א צובראכענער, ציטערדיגער שטימע.

בעריל האט געכאפט די ווערטער:

„שמור תם וראה ישר,
„כי אחרית לאיש שלום;
„ופושעים נשמדו יחדו,
„אחרית רשעים נכרתה.—
„היט דיין ארינטליכקייט און זיי פרום,
„ווארום דער פרומער האט א גוטען סוף;
„פון די זינדיגע אבער וועט ווערען א תל.
„די רשעים וועלען האבען אבגעשניטענע יאהר.

בעריל האט זיך דערשראקען ארומגעקוקט: וואו איז ער ערגיץ?

בעריל האט גאר פערגעסען, אז ער איז געבליבען נעכטיגען אין בית-המדרש. ער האט זיך ארומגעקוקט מיט פערשלאפענע אויגען און האט געזעהן פאר זיך עטליכע ווייסע בערגליך איינגעהילט אין טליתים און קיטלען. צווישען די בערגליך האט זיך געהערט

גאָר שטילע, הייזעריגע, טרויעריגע, וויינענדיגע קולות פון צוויי, דריי יודען, וועלכע זענען ניט געשלאָפען, און האָבען געזאָגט תּהילים. אַ סך לעכט האָבען שוין געצאָנקען. דאָס וואַקס האָט געזאָטען. דער פלאַם האָט זיך אַלע מאָל אויפגעהויבען, אַראָבגעפאַלען און ווייטער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ העל פייער...

און די בלאַסע-העלע לבנה האָט אַריינגעקוקט דורך די פענסטער און האָט דאָס פאַנטאַזיטישע בילד בעגאָסען מיט איהר בלאַסען זילבערנעם קאָליר...

בערלין איז געוואָרען אַייז-קאַלט און אַ שרעקליכער שוידער איז איהם דורכגעלאָפען דורך אַלע גליעדער.

ער האָט פערגעסען, אַז ס'איז יום-כּפּור און ער איז געבליבען נעכטיגען אין בית-המדרש.

איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער איז טויט, און ער בלאָנזעט ארום אויף דעם עולם התּוהו. די ווייסע בערגליך, וועלכע ער זעהט,—זענען—קברים... סאַמע קברים, און צווישען די קברים זיצען עטליכע זינדיגע נשמות און יאָמערען, און קלאָגען אויף זייערע זינד... און ער, בעריל, קאָן אַפילו ניט וויינען. ער איז אַפערפאַלענער, אַפערלוירענער אויף אייביג... ער דאַרף זיין נע ונד און אייביג אומבלאַנקען זיך צווישען די טויטע קברים!...

נאָר צוביסליך האָט זיך בעריל דערמאָהנט, וואו ער איז ערגיץ, און איז געקומען צו זיך.

נאָר איצט האָט ער זיך דערמאָהנט אין זיין שרעקליכען חלום...

„ניין—האָט בעריל ביי זיך געשעשעט—איך האָב געלעבט ביז אַצינד אָהן אַזאַ הונדערטער און איך וועל ווייטער אויך לעבען אָהן איהם! אַז דער רבונו-של-עולם וועט מיר וועלען העלפען,—וועט ער מיר העלפען אָהן דעם הונדערטער אויך. מיין נשמה, מיין עולם-הבּא זענען ביי מיר טייערער. לאָז נאָר קומען משה חלפן דאַוונען,—וועל איך איהם אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת און פּטר'ן דעם אומגליק.

די רעשעניע האָט בערלין צוגעגעבען מוטה און קוראַזש. ער

האָט זיך אָבגעוואַשען די נעגעל און האָט זיך געזעצט זאָגען געש־מאַק תהילים, און אַלע מאָל האָט ער געקוקט צום פענסטער, צו עס טאָגט שוין ניט, צו ה״ר משה חלפן געהט נאָך ניט אין שוהל אַריין.

ס׳האָט אָנגעהויבען טאָגען.

מיט די ערשטע שטראַהלען פון דער זון האָט בעריל׳ס פּחד און שרעק אָנגעהויבען צו ביסליך־ווייז אויסוועפען און פערקלייגערט ווערען. זיין בעשלוס, אָבגעבען דעם הונדערטער, איז געוואָרען אַ סך שוואַכער...

„זאָל איך ניט אויסזאָגען — האָט זיך בעריל געראַנגעלט — שטעל איך איין מיין עולם־הבּא... זאָל איך יאָ אויסזאָגען — וואָס־זשע וועט זאָגען מיין חנצה־לאה?... היינט, אַז איך וועל דעם הונדערטער אָבגעבען, — מוז איך דאָך די חתונה אָבלעגען, — וואָס־זשע וועט דער מחותן זאָגען?... ער שרייבט: אָדער חתונה מאַכען, אָדער אָבזאָגען דעם שידוך... און וואָס וועל איך טהון, אַז דער מחותן וועט געוואָהר ווערען פון דער געשיכטע?... איך ווער פערשמירט... דער שידוך ווערט אָבגעלאָזט, און איך בלייב... ביי דעם שענעם שם־טוב און... מיט דער אַלטער מיאוס׳ער מויד...

וואָס טהוט מען? געוואַלד! וואָס טוהט מען?...

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צונויפקלויבען אין שוהל אַריין. דער בעל־שחרית האָט געזינגען אדון עולם מיט דעם געוויינטען יום־כּפּור׳דיגען ניגון. עטליכע בעלי־בתים און יונגע־לייט האָבען איהם אונטערגעהאָלפען. און אין די ווערטער האָט בעריל אויך נאָר געקלונגען: „געוואַלד, וואָס טהוט מען?“...

און פּלוצים האָט ער דערזעהן משה חלפן.

בעריל האָט זיך גיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט. ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָזטהון צו משה חלפן, נאָר ער איז צוריק געבליבען זיצען אויף זיין אָרט.

„איך מוז דאָס נאָך פריהער בעקלערען און איבערשטועסען

מיט מײַן חַנָּה-לֶאהן״—האָט בֶּערִיל בַּײ זיך בֶּעשלאָסֶען.

V.

בערִיל האָט זיך גֶעשטֶעלט דאַוונֶען צוזאַמֶען מיט׳ן עולם. עֶר האָט גֶעוואָלט דאַוונֶען מיט כַּוָּנָה: צונויפנֶעמֶען די גֶעדאַנקֶען, אַײנהֶערֶען זיך אין דֶער טַײטש פון די ווֶערטֶער, נאָר עֶר האָט בְּשום אופן נִיט גֶעקאָנט. איהם זֶענֶען גאָר אַנדֶערע זאַכֶען גֶעקראָכֶען אין קאָפּ אַרײן. בַּײ איהם אין קאָפּ האָבֶען זיך גֶעפּלאָנטֶעט: אַ חָלום, אַ יָריד, אַ פֶערד, משה חַלפָן, חַנצה-ברײנה, האָבֶער, גֶערשטֶען, די וָועלט, יֶענֶע וֶועלט... און די וֶוערטֶער פונים דאַוונֶען זֶענֶען עֶפּיס גֶעשפּרינגֶען, ווי שוואַרצֶע פלֶעקֶען, פאַר זַײנֶע אויגֶען.—עֶר האָט זיך גֶעוואָלט צופּעסטֶען, צו וֵוינֶען, נאָר ס׳האָבֶען זיך גֶעיאָוֶועט אויף זַײן פָּנים משונֶהדיגֶע גְרימאַסֶען און עֶר האָט נִיט גֶעקאָנט אויסקוָועטשֶען אַפילו אֵײן טְרֶעהר.

בֶּערִיל איז גֶעוועֶזֶען שטאַרק אומצופרידֶען מיט זיך.

עֶר האָט אָבגֶעדאַוונֶעט שַחֲרית, אָבגֶעשטאַנֶען די מוסף׳דיגֶע שְמֹנה עֶשְרֵה און האָט זיך גֶענוּמֶען שלינגֶען די גרויסֶע שטיקֶער פיוט.

עֶס האָט איהם אַלֶע מאָל גֶעגֶעבֶען אַ קִיצֶעל: וואָס טהוט מֶען, און טאַקֶע מיט דֶעם זאָגֶען פיוט האָט עֶר זיך גֶעפּרובט פֶערטְיהמלֶען, פֶערשִיכּוֹרֶען דֶעם קאָפּ...

אַזוי האָט גֶעדוֶיערט ביז "וּנְתַנֶּה תוֹקֶף"

דֶער עוֹלָם האָט זיך אָנגֶעהויבֶען צוגְרֵייטֶען צום "וּנְתַנֶּה תוֹקֶף". דֶער עוֹלָם הוסט זיך אויס און רִיקט די טַלֵיתים אִיבֶּער די קעפּ. דֶער חַזָן האָט זיך אַנִידֶער גֶעזֶעצט אויף אֵיין מִינוּט, און צושפִּילֶעט דֶעם קִיטֶעל. דאָס פָּנִים איז בַּײ איהם בלאַס, פֶערשוויצט, און אין די אויגֶען לִיגט אַ שטאַרק מִיעֶרקֵייט. פון עֶזְרַת-נָשִים הֶערט זיך אַ גֶעוויין, אַ יאָמֶערֵיי...

בֶּערִיל האָט אַרִיבֶּער גֶענֶעמֶען דֶעם טַלִית אִיבֶּער׳ן קאָפּ און

האָט זיך געגעמען ערנסט און הײַנט זאָגען :

וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף קְדֻשַּׁת הַיּוֹם ,

כִּי הוּא נוֹרָא וְאָיוֹם !

וּבוֹ תִנָּשֵׂא מַלְכוּתֶךָ ,

וְיִכּוֹן בְּחֶסֶד כִּסְאֶךָ ,

וְתֵשֵׁב עָלָיו בֶּאֱמֶת .

אֱמֶת ,

כִּי אַתָּה הוּא דַיָּן וּמוֹכִיחַ ,

וְיוֹדֵעַ וָעֵד, וְכוֹתֵב וְחוֹתֵם .

וְתִזְכּוֹר כָּל הַנִּשְׁכָּחוֹת ,

וְתִפְתַּח אֶת סֵפֶר הַזִּכְרוֹנוֹת

וּמֵאֵלָיו יִקָּרֵא

וְחוֹתָם יַד כָּל אָדָם בּוֹ !

בײַ די װערטער האָט זיך בײַ בערלין געעפענט אַ קװאַל טרערען און ער האָט זיך ערנסט צוחליפּעט. יעדער װאָרט האָט איהם געשניטען אין האַרץ, װי מיט אַ שאַרף מעסער. מעהר פון אַלעמען זענען איהם אַרײַן אין יעדער אָבער די װערטער : „וְתִזְכּוֹר כָּל הַנִּשְׁכָּחוֹת וְתִפְתַּח אֶת סֵפֶר־הַזִּכְרוֹנוֹת וּמֵאֵלָיו יִקָּרֵא וְחוֹתָם יַד כָּל אָדָם בּוֹ" : „און די געדענקסט אַלע פערגעסענע זאַכען, און דו עפענסט אויף דאָס ספר־הזכרונות, און עס לייענט זיך אַלײן, און יעדענס חתימה איז דאָרט דאָ"... אָט גראַדע אין דער מינוט ליגט דאָס ספר הזכרונות אָפען פאַר'ן רבונו-של-עולם מיט די חתימות פון אַלע מענשען... אין דעם בוך געפונט זיך זײַן חתימה אויך... טאַקע די, װאָס ער האָט אָנגעשריבען מיט זײַן אײגענער האַנד אין דעם אײגענעם טאָג, װען ער האָט אױעקגעגנבֿיט דעם הונדערטער... איהם שטעלט זיך פאָר, װי זײַן נשמה אין שלאָף איז אַרױף אויפ'ן הימעל און האָט אַלעם אָנגעשריבען, אין דעם אײביגען ספר הזכרונות... און אַצינד שטעהן די אותיות פאַר'ן כסא־הכבוד און שרײַען גאַנץ אויך : „בעריל איז אַ גנב ! בעריל איז אַ רױבער"

און ער דאט נאך די העזה צושטעהן און צובעטען פאר גאט ? ער, דער רשע, דער פושע באלוהי ישראל. און די שוהל פאלט ניט ארויף אויף זיין קאפ ? . . .

דער עולם האט אבגעזאגט ונתנה תוקף, דער חזן האט אנגעהויבען: „ובשופר גדול יתקע", און בעריל איז נאך האלץ געשטאנען מיט דעם טלית איבער'ן קאפ.

פלוצים דאט ער דערהערט די ווערטער:

„ומלאכים יחפזון: "און די מלאכים ציטערען אין איילען.

„וחיל ורעדה יאחזון "געשווינד ווי די פיילען.

„ויאמרו: הנה יום הדין!" און זאגען: אט איז דער יום הדין!" —

די ווערטער האבען בעריל אריינגעדרינגען אינים מארך פון די ביינער. א שרעקליבער שוידער איז איהם דורך געלאפען דורך אלע גלידער. די ווערטער: הנה יום הדין! האבען געהילעכט ביי איהם אין די אויערען מיט א דונער-שטומע. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז די מלאכים לויפען צו איהם אין איין איילעניש, אין איין אימפעט און שלעפען, און רייסען איהם פאר'ן כסא הכבוד . . . און דאס יאמערליכע געוויין, וואס ס'הערט זיך פונ'ם עזרת-נשים, דאס בעוויינט מען שוין איהם, זיין עלענדע נשמה, זיין גרויסען אומגליק . . .

„ניין, ניין, ניין! — האט בעריל ביי זיך בעשלאסען — לאז זיין, וואס עס וויל זיך, לאז דער מחותן אבלאזען דעם שידוך, לאזען טייטען אויף מיר מיט די פינגער, ווי אויף א גנב. לאז מיר מיין חנצה-לאה דערגעהן די יאהר! איך וועל אלעס אננעמען פאר ליעב, אבי איך זאל אבראטעווען מיין אומגליקליכע נשמה. תיכף נאך קדושה וועל איך צוגעהן צו משה חלפן, וועל איהם דערצעהלען אינגאנצען און וועל איהם בעטען, אז ער זאל מיר מוחל זיין" . . .

דער חזן האט אבגעזאגט „ונתנה תוקף". דער עולם האט זיך צוריקגעזעצט אויף זייערע ערטער. בעריל האט זיך אויך צוריקגעזעצט אויף זיין ארט און איז ניט צוגעגאנגען צו משה חלפן.

„גְעוואַלד, וואָס טהוּט מֶען, וואָס טהוּט מֶען?—האָט עֶר זִיךְ אַלֵיץ גְעבּאָרֶעט מִיט זִיךְ אַלֵיין, חַנצי לֵאָה וֶועט מִיךְ לֶעגֶען אוֹיפ׳ן פַּייֶער... דאָס מֵיידִיל וֶועט מִיר פֶערווֵייגֶען דִי יאָהר.. דֶער מְחוּתָּן... דֶער חָתָן...

VI.

מ׳האָט אָבגֶעדַאווֶענט מוּסַף, מִנְחָה. מ׳האָט זִיךְ שׁוֹין אָנגֶע-הוֹיבֶּען פַּארטִיג מַאכֶען צוּ נְעִילָה. דִי שַׁאטֶען וֶוערֶען לֶענגֶער, דִי זוּן האָט שׁוֹין זִיךְ אָנגֶעהוֹיבֶּען זֶעצֶען. דֶער שׁוּהל-גוֹי האָט זִיךְ גֶענוּמֶען אַנצִינדֶען לֶעכט, לַאמפֶּען און צוּ שְׁטֶעלֶען זֵיי אוֹיף דִי טִישֶׁען, אוֹיף דִי פֶענסטֶער. יוּדֶעלִיךְ מִיט בְּלֵייכֶע פֶּנִימֶער זִיצֶען אִין פאָלִישׁ און רוּהעֶן זִיךְ אוֹיס: מֶען קְווִיקט זִיךְ מִיט אַשְׁמֶעק טַאבַּאקֶע מִיט הַארצטראָפֶּען. מֶען וַוארפט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אַ ווֶערְטֶעל. יֶעדֶער יוּד פִיהלט זִיךְ עֶפֶּעס פְרֶעהלִיכֶער, אוֹיפגֶעלֶעגטֶער. מ׳האָט אָבגֶע-טהוּן וָואס מ׳הָאט גֶעהַאט צוּטהוּן, און מ׳האָט עֶס גֶעטהוּן ווִי עֶס גֶעהֶער צוּ זַיין. מ׳האָט דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אָבגֶעגֶעבֶּען זַיינֶס. מ׳האָט זִיךְ גֶעפּלַאגט אַ גַאנצֶען טאָג, גֶעפַאסט אַ מֵעת-לֵעת, גֶעדַאוֶוענט, גֶעבֶּעטֶען. מִסְתָּמָא וֶועט דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיךְ טהוּן זַיינֶס, אָנגֶעמֶען דִי יוּדִישֶׁע תְּפִלּוֹת, דֶערבַּארֶעמֶען זִיךְ אוֹיף זַיין פאָלק-יִשְׂרָאֵל.

נאָר בֶּערִיל זִיצט אִין אַ ווִינקֶעלֶע אֵיינֶער אַלֵיין. עֶר האָט זִיךְ אוֹיךְ אָנגֶעהָארֶעוֶועט, אָבגֶעמַאטֶערט. עֶר האָט אוֹיךְ גֶעפַאסט גֶעדַאוֶוענט, גֶעווֵיינט, גֶעפּלַאגט זִיךְ גְלַייךְ מִיט אַלֶע יוּדֶען. נאָר עֶר ווֵייסט אָבֶּער, אַז זַיין גַאנצֶע האָרַאווַאנִיֶע, זַיין גַאנצֶע מִיה, זֶענֶען אוּמזִיסט. עֶר זִיצט פֶערזאָרגט, פֶערחוּשֶׁכט, פֶערמָרֶעהשְׁחוֹרֶהדִיגט. עֶר ווֵייסט, אַז מ׳הַאלט שׁוֹין אַצִינד בַּיי נְעִילָה. נאָךְ אַצִינד האָט עֶר צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טהוּן. נאָךְ אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע וֶועלֶען זַיין דִי טוֹיעֶרֶען פוּנ׳ם הִימֶעל אָפֶען. זַיין תְּשׁוּבָה קאָן נאָךְ דֶערגְרֵייכֶען. אָבֶּער בַּאלד וֶוערֶען דִי שַׁעֲרֵי הָרַחְמִים פֶערשלאָסֶען און... פֶערפַאלֶען!

„פְּתַח לָנוּ שַׁעַר בְּעֵת נְעִילַת שַׁעַר !" האָט גֶעקְלוּנגֶען בַּיי בֶּערִלִין אִין דִי אוֹיעֶרֶען, אִין הַארְץ . . . אָט אַ בַּאלד, אָט אַ בַּאלד אוּן פֶערפַאלֶען ! . . .

„נֵיין נֵיין", — האָט בֶּערִיל אוֹיסגֶעשׁרִיגֶען, — אִיךְ ווִיל נִיט פֶערלִירֶען מַיין נְשָׁמָה, מַיין עוֹלָם-הַבָּא ! זאָל מִיךְ חַנְצָה-לֵאָה בְּרֶענֶען אוּן בְּרֶאטֶען, אִיךְ וֶועל אַלדוּנגם מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה זַיין, אַבִּי אִיךְ זאָל מַיין עוֹלָם הַבָּא נִיט פֶערלִירֶען .

בֶּערִיל האט זִיךְ אוֹיפגֶעהוֹיבֶּען גִיךְ פוּנ׳ם אָרט אוּן אִיז צוּגֶעגַאנגֶען צוּ מֹשֶׁה חַלְפָן .

— הר׳ מֹשֶׁה, אוֹיף אַ פאָר וֶוערְטֶער — האָט עֶר אִיהם אַיינגֶערוּימְט אִין אוֹיעֶר אַרַיין .

— לאָז זַיין אוֹיף נאָכ׳ן דַאוונֶען .

— נֵיין, נֵיין, נֵיין ! האָט בֶּערִיל ווִי גֶעשׁרִיגֶען — נאָר אַצִינד.

מֹשֶׁה חַלְפָן האָט זִיךְ אוֹיפגֶעהוֹיבֶּען .

בֶּערִיל האָט אִיהם אַרוֹיסגֶעפִיהרט פוּנ׳ם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין אַ זַייט .

— הר׳ מֹשֶׁה, פאָטְערוּנְיאָ, האָט רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן זַייט מִיר מוֹחֵל ! — האָט בֶּערִיל אוֹיסגֶעשׁרִיגֶען אוּן האָט זִיךְ צוּחְלִיפֶּעט.

— גאָט אִיז מִיט דִיר, בֶּערִיל ! וואָס אִיז פְּלוּצִים מִיט דִיר אַזוֹינס גֶעוואָרֶען ? — האָט ר׳ מֹשֶׁה גֶעפְרֶעגט פֶערוואוּנדֶערט .

— הֶערט אוֹיס הר׳ מֹשֶׁה ! — האָט בֶּערִיל גֶערֶעדט אוּן גֶעחְלוּפֶּעט — דָער הוּנֶדֶערְטֶער, וֶועלְכֶער אִיז בַּיי אַייךְ פֶערפַאלֶען גֶעוואָרֶען צוּרִיק מִיט עֶטלִיכֶע וואָכֶען, אִיז בַּיי מִיר ! . . . גאָט וֵוייסט דֶעם אֶמֶת, אִיךְ האָב עֶס נִיט גֶעמְהוּן פַאר רִשְׁעוּת. אִיךְ בִּין אַרַיינגֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ, דאָס שְׁלִיסֶעלֶע האָט גֶעשְׁטֶעקְט אִין טִישְׁקֶעסְטֶעל . . . אִין שְׁטוּב אִיז קֵיינֶער נִיט גֶעוֶועזֶען . . . אִין דֶעם טאָג האָב אִיךְ בֶּעקוּמֶען אַ בְּרִיעֶף פוּן מַיין מְחוּתָּן, אַז עֶר וֶועט אָבְּזאָגֶען דֶעם שִׁידוּךְ קאָם אִיךְ ווֶעל נִיט חַתוּנֶה מַאכֶען צוּ דֶער צַייט . . . מַיין מוֹיד אִיז כִּיאוּם אוּן אַלט . . . דֶער דָּתָן אִיז אַ צַאצְקֶעלֶע . . . אַ אֶבֶן-

טוב . . . איך האב אומגערען ארויסגעשלעפט דאס טישקעסטעלע..
איך האב דערזעהן הונדערטער!... איהר פערשטעהט?... מיין מחותן איז א מתנגד... א ביטערער יוד ... איך האב ארויסגענעמען דעם הונדערטער... נאר ער דערגעהט מיר די יאהר . . . גאט ווייסט וואס איך האב איבער געליטען און איבערגעטראגען פון יענער צייט!... היינט אויף דער נאכט וועל איך אייך אבברענגען דעם הונדערטער ... זייט מיר מוחל!... זאל דער מחותן אבלאזען דעם שידוך, לאז מיר דאס ווייב דערגעהן די יאהר, אבי איך זאל ניט פיהלען די שלאנג וואס נאגט מיר ביים הארץ, און גיבט מיר ניט קיין רוה! איך האב ביז אהער ניט אנגערידט קיי פרעמ־קערביל. און איך זאל ווערען א גנב אויף דער עלטער וויל איך אוודאי ניט!

משה חלפן האט א ווילע גאר ניט געענפערט. ער האט ארויס גענעמען דאס פישקעלע טאבאקע, געטהון א שמעק, דערנאך האט ער ארויסגענעמען פונ׳ם בוזעם פונים קיטעל א גרויסע, רויטע דאמענדיגע פאטשעלע, האט זיך אבגעווישט די נאז און האט זיך א ביסעל פערטראכט. דער נאך האט ער געזאגט שטיל געלאסען

— אז דורך מיר זאל זיך, חלילה, צוגעהן א שידוך--וויל איך ניט! דו האסט אפילו געטהון שלא כהוגן, וואס האסט דיר אליין גענעמען; נאר ביי אונז שטעהט געשריבען: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו“, זאלסט דיין חבר ניט משפטען ביז דו וועסט אליין זיך ניט געפונען אין זיין לאגע. דער הונדערטער לאז שוין בלייבען ביי דיר. ברענג מיר היינט אויף דער נאכט א קוויטעל און הייב מאקע אן אויסצאהלען צו ביסליך.

— וואס זענט איהר, א מלאך?--האט בעריל אויסגעשאסען מיט א געוויין.

— חלילה-האט משה חלפן געענפערט געלאסען-איך בין דאס אייגענע וואס דו. דו ביזט א יוד און איך בין--אויך א יוד.

שַׁבָּת.

פרייטאג פארנאכט.

אין שטוב איז צוגערוימט: דער טיש איז געגרייט. אויבען ליגען צוויי חלות, פערדעקט מיט א רויט טישטיכיל. אויף דעם אנדערן עק שטעהען צוויי מעשענע לייכטער. פון ביידע זייטען צוויי לעהמליך מיט פארטיגע ליכט אריינגעשטעקט.

אויפ'ן קאנאפקעלע, וואס שטעהט ביי דער דרובע, ליגט א קראנקער, צוגעדעקט מיט א רויטער קאלדרע. פון דער קאלדרע קוקט ארויס א בלאס, אבגעצעהרט פנים, מיט רויטע פלעקען אויף די בלאסע, אויסגעטרוקענטע באקען—און מיט א שווארצער בארד. אויפ'ן קאפ טראגט דער קראנקער א יארמעלקע. פון דער יארמעלקע קוקען ארויס שווארצע האר און צוויי שווארצע פאות. אויף דעם קראנקענס פנים זעהט מען ניט קיין סימן פון לעבען; נאר אין זיינע שווארצע, גרויסע אויגען לייכט נאך איין אבשיין פון לעבען.

נעבען קראנקען אויף א בענקיל זיצט א מיידעלע פון א יאהר נייון. די האר פונים קאפ זענען פייכט. מ'האט זי ניט לאנג אויסגעצוואגען „לכבוד-שבת". דאס מיידעלע זיצט בארוועס, נאר אנגעטהון אין א העמדיל מיט א קליידעלע. דאס קינד זיצט און ווארפט מיט די פיסליך אהין און אהער און איז שטארק פערטיעפט אין איהר ארבייט; נאר זי מאכט איהרע בעוועגונגען שטיל, אהן א רעש.

דער קראַנקער האָט זיך צוהוסט.

— קחע, קחע, קחע, קחע—האָט זיך געהערט פון דעם קראַנקענס געלעגער.

— וואָס איז טאַטע? — האָט געפרעגט דאָס מיידעלע וואַרפענדיג מיט די פיסליך.

דער קראַנקער האָט גאָר ניט געענטפערט.

ער האָט פּאַוואָלע מיט זיינע מאָגערע הענט איפגעהויבען זיין קאָפּ; ער האָט אראָבגערוקט די יאַרמעלקע און געהאַלטען אין איין הוסטען. קחע, קחע, קחע, קחע, האָט עס געריסען ביי איהם פון דער ברוסט, פריהער הייזעריג און דער נאָך האָט זיך דער הוסט אַלץ געשטאַרקט, געזאָטען אין דער ברוסט, געגרילצט אין אויער. דער קראַנקער האָט זיך אַנידערגעזעצט און געהוסט און געחאַרקעט ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם לעחיין.

דאָס מיידעלע איז אַלין פערנומען מיט איהר אַרבייט; זי האַלט אין איין שאָקלען מיט די פיסליך; איהר קראַנקער פאָטער געהט זי זעהר ווייניג אָן.

דער קראַנקער האָט אויסגעגלייכט די קנייטשען פון׳ם קישען, צוריק אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ, פערמאַכט די אויגען. אַזוי איז ער געלעגען עטליכע מינוט; דערנאָך האָט ער געזאָגט גאַנץ שטיל:

— לאָה!

— וואָס איז טאַטע? —האָט דאָס מיידעלע געפרעגט, האַלטענדיג אין איין שאָקלען מיט די פיסליך.

— זאָג... דער... מאַמען... עס איז שוין... צייט... צו בענטשען... ליכט...

דאָס מיידעלע האָט זיך ניט אויפגעהויבען פון׳ם אָרט; זי האָט געשריגען דורך דער אָפענער טיר אין קלייט אַריין.

— מאַמע, פערמאַך די קלייט! דער טאַטע זאָגט, ס׳איז שוין צייט צובענטשען ליכט.

— איך געה, איך געה! —האָט די מוטער געענטפערט פון דער קלייט.

זי האָט אין־דער־גיך אָבגעפּטער׳ט עטליכע ווייבער: איינער האָט זי פערקויפט פאר אַ קאָפּיקע טיי; דער אַנדערער־פאַר צוויי קאָפּיקעס צוקער; דער דריטער־צוויי חלביענע ליכט. זי האָט גיך פערמאַכט די לאָדען, די טיר און איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין.

— די האָסט געטרונקען דאָס גלאָז מילך? — האָט זי געפרעגט דעם קראַנקען.

— יאָ... איך האָב... געטרונקען. — האָט געענפערט דער קראַנקער.

— און דו, לאָה׳ניו טאָכטער — האָט זי זיך געווענדעט צום קינד — דער רוח זאָל דיך נעהמען! דו האָסט נישט געקאָנט אַליין אָנטהון די שיכליך? עס איז דאָך שבת!

דאָס מיידעלע האָט געהאַלטען דאָס קעפּיל אַראָב און האָט גאָר ניט געענפערט.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעצונדען די ליכט, פערדעקט זיך דאָס פּנים מיט די הענד און האָט געבענשט ליכט.

זי האָט זיך געזעצט אויף דעם סאָפּקעלע נעבען פענסטער, אַביסיל אָברוהען זיך.

נאָר שבת האָט צו זיך אַביסעל געקאָנט אָברוהען פון איהר שווערער אַרבייט, פונים פּלאָגען זיך די גאַנצע וואָך, אָהן אַ מינוט רוה, מיט דעם גאַנצען כּוח און מוח.

זי איז פערזונקען אין געדאַנקען.

זי האָט זיך דערמאַהנט אין אַ מאָליגע גליקליכע צייטען.

זי האָט אַ מאָל אויך געוואוסט פון אַ לעבען צו זאָגען: ער איז געווען געזונד. עטליכע הונדערט רובל האָבען זיי געהאַט. די קעסט ביי איהרע עלטערען האָבען זיך געענדיגט. זיי האָבען זיך געמאַכט אַ קלייט, און האָטש ער איז געווען פון תּמיד אַ בית־המדרש׳ניק, אַ באַנק קוועטשער, דאָך האָט ער זיך גיך אויסגעלערענט די ״תּורה״ פון קרעמעריי. זי האָט איהם אויך גע־האָלפען. זיי האָבען געהאַט פּרנסה און האָבען געלעבען ברויט בּכבוד.

נאר מיט דער צייט איז צו געקומען אין זייער שטעדטיל א מאסע נייע קליימען, די קאנקורענץ איז געווארען גרויס, דער פדיון קליין און די פערדינסטען נאך קלייגער. מ׳האט געמוזט אנקומען ליי׳ען געלד אויף פראצענט און וואכענגעלד און צאהלען די וועקסלען פאר סחורה. דער פראצענט דאט פאוואלע אויפגעגעסען דעם קרן מיט׳ן ריוח. די בעלי-חובות האבען איהם בענומען, און ער איז נאך געבליבען א בעל־חוב.

ער האט דאס ניט געקאנט איבער טראגען, און איז פאר צרות קראנק געווארען.

דאס גאנצע פעקיל מיט צרות איז געפאלען אויף איהר; דער עול פון דער פרנסה, די קינדער, דער קראנקער, אלעס, אלעס אויף איהר!

נאר זי האט דעם מוטה ניט פערלוירען.

„גאט וועט העלפען, ער וועט אין גיכען געזונד ווערען, און וועט מסתמא געפונען עפעס א געשעפט. גאט וועט אונז ניט פערלאזען״. — האט זי זיך געטראכט. דערווייל איז זי לעדיג ניט געזעסען.

איהר ביטערע לאגע האט איהר צו געגעבען מוטה און קראפט.

זי האט איהר ביסיל צירונג פערקויפט און געמאכט א קלייטיל.

דריי יאהר זענען אוועק פון יענער צייט.

ווי אזוי עס איז, נאר גאט האט זי דאך ניט פערלאזט. ס׳איז איהר טאקע זעהר ביטער און זויער אנגעקומען די פרנסה; דאך האט זי געהאט איהר שטיקעל ברויט. נאר זיין געזונד דאט זיך ניט אומגעקעהרט. ער איז געווארען וואס א טאג שוואכער און קראנקער.

זי דאט געגעבען א קוק אויף איהר קראנקען מאן, אויף זיי׳

בְּלַאסְעָן אָבְּגֶעצֶערטֶען פָּנִים און פון אִיהרֶע אויגֶען הָאבֶּען גֶערונֶען טְרֶערֶען.

אַ גַאנצֶע וואָך הָאט זִי קַיין צַייט נִיט, זִי זָאל זִיךְ בְּעטְרַאכְטֶען, ווִי אַזוֹי אומגְלִיקְלִיךְ זִי אִיז. דִי פַּרְנָסָה, דִי הָארָאוַואנִיֶע אִין שְׁטוּב, דָאס אַרוּמְטַאנצֶען אַרוּם דִי קִינדֶער און אַרוּם דֶעם קְרַאנְקֶען מַאן,—דָאס הָאט בַּיי אִיהר דִי גַאנצֶע צַייט מִיט אַלֶע גֶעדַאנְקֶען צוּגֶענֶעמֶען. זִי אִיז גֶערן, אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט פון שְׁלָאפֶען, ווֶען זִי פַאלְט אַנִידֶער אויף אִיהר גֶעלֶעגֶער, מִיעֶד און אָנְגֶעהָארֶעוֶועט, ווִי אַ דֶערהַרְגֶ'עטֶע.

נאָר אַז עֶס גֶעקוּמֶען שַׁבָּת, דֶער טָאג פון רוּהֶ, הָאט זִי דֶענְסְטמָאל בֶּעקוּמֶען צַייט, בֶּעטְרַאכְטֶען אִיהר בִּיטֶערֶע לַאגֶע, אִיהר עֶלֶענד און אויסְצוּוויינֶען אִיהר בִּיטֶער הַארְץ.

„ווֶען ווֶעט זַיין אַ סוֹף צוּ מַיינֶע צָרוֹת, צוּ מַיינֶע לַיידֶען?"—הָאט זִי זִיךְ גֶעפְרֶעגְט, און הָאט אויף דֶעם קַיין שׁוּם עֶנְטְפֶער נִיט גֶעקַאנְט גֶעפִינֶען, נוּר בִּיטֶערֶע פֶערְצְווייפֶעלְטֶע טְרֶערֶען. זִי הָאט פַאר זִיךְ אִין דֶער צוּקוּנְפְט קַיין שׁוּם שְׁטְרַאהל פון הָאפְנוּנְג נִיט גֶעזֶעהן, נוּר אַ גְרוֹיסֶען, בְּרֵייטֶען, לַאנְגֶען יָם פון צָרוֹת אָהן אַ בְּרֶעג, אָהן אַ סוֹף.

בַּיי אִיהר אִין דִי גֶעדַאנְקֶען הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ בְּלִישְׁטשֶׁע:

„אַז עֶר ווֶעט שְׁטַארְבֶּען—ווֶעט אִיהר גְרִינְגֶער ווֶערֶען".

נאָר דֶער גֶעדַאנְק הָאט זִי נָאךְ מֶעהר גֶעשְׁרָאקֶען.

צוּזַאמֶען מִיט דֶעם גֶעדַאנְק זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִיהרֶע אויגֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֶעמֶען: „אַלְמָנָה", „יְתוֹמִים", קִינדֶער-נֶעבֶּעכְלִיךְ אָהן אַ טַאטֶען...

דָאס הָאט זִי נָאךְ מֶעהר גֶעשְׁרָאקֶען, ווִי אִיהר אִיצְטִיגֶע עֶלֶענד.

„ווִי אַזוֹי קֶענֶען אויסְוואַקסֶען קִינדֶער אָהן אַ טַאטֶען? אַצִינְד חָאטְשׁ עֶר אִיז קְרַאנְק, דָאךְ גִיט עֶר הַשְׁגָחָה, זֵיי זָאלֶען דַאווְנֶען, לֶערְנֶען. ווֶער ווֶעט הַשְׁגָחָה גֶעבֶּען אויף זֵיי, אַז עֶר ווֶעט שְׁטַארְבֶּען?"

„שְׁטְרָאף מִיךְ נִיט, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַאר מַיין שְׁלֶעכְטֶען גֶעדַאנְק",—הָאט זִי גֶעבֶּעטֶען פוּנִים גַאנְצֶען הַארְצֶען—אִיךְ נֶעהם אויף

מיר, צולייגען און פערשווארצט צווערען, אבי ער זאל ניט שטאר-
בען; לאָז איך ניט הייסען דעם ביטערן נאָמען: „אלמנה". און מיינע
קינדער זאָלען ניט זיין קיין „יתומים!"

* * *

ער ליגט אויף זיין געלעגער. דער קאָפּ איז א ביסעל אונטער-
געהויבען און אנגעשפּארט. אין דער האנד האלט ער א סידור. ער
איז „מקבל שבת". זיינע בלאסע ליפּען בעוועגען זיך קוים-קוים און
שעפּטשען די ווערטער פונים דאווענען; זיינע געדאנקען זענען גאנץ
ווייט פונים דאווענען. ער ווייסט, אז ער איז געפערליך קראנק.
ער ווייסט, וויפיעל זיין אומגליקליך ווייב ליידעט און טראָגט איבער
און ניט נאָר וואָס ער קען איהר מיט גאָר ניט העלפען, נאָר זיין
קראנקייט פאלט נאָך די שווערסטע משא אויף איהר, מיט דער איב-
ריגער הוצאה, וואָס מען דארף האָבען פון זיינעט וועגען און מיט
דער ארבייט, צו געהן ארום איהם. און דערצו נאָך האָט איהם
דאָס שלאפלאָזיגקייט געמאכט קאפּריזנע און מיט זיין כעס האָט ער ניט
איינמאל צוגעטהיילט זיין ווייב פיעל אומזיסטיגע יסורים. ער זעהט
און ווייסט דאָס אלעס און דאָס הארץ ווערט איהם צוריסען פאר
וועהטאָג; און זיינע ליפּען מורמלען: „איין אויסלעזער איז דאָ-נאָר
דער טויט." און אין זיין דאווענען האָט ער איין בקשה צו גאָט: „ער
זאָל זיך שיקען דעם גוטען טויט, און איהם בעפרייען פון אלע זיינע
צרות און ליידען."

פלוצים האָט זיך די טיר אויפגעעפענט און א יונגעלע פון א
יאָהר צעהן איז אריינגעקומען אין שטוב, אנגעטהון אין א לאנג
שבת'דיג קאפּאָטקעלע, מיט צוויי לאנגע פּאה'קעליך מיט א סדור'ל
אונטער דער אָרים.

— א גוט שבת! — האָט געזאָגט דאָס יונגעלע מיט א הויך
קלינגענדיגען קול'כיל.

עס האָט אויסגעוויזען, אז צוזאמען מיט דעם יונגעלע איז

אריינגעקומען אין שטוב דער היילינער שבת אריין. ער האט אין איין רגע פערטריבען די זארג, דעם טרויער און האט פערשפרייט מיט זיין מילדער האנד ליכטיגקייט און טרייסט.

דעם יונגעלס „גוט שבת״ האט אריינגעדרונגען טיעף צו זיינע עלטערען אין די הערצער און האט דארטען ניי לעבען און האפנונג דערוועקט.

— א גוט שבת! — האט געענפערט די מוטער. — איהרע טוטער-ליבע אויגען האבען גערוהט אויף׳ן פנימיל פונים קינד און איהר טרויעריגע געדאנקען זענען פערשווינדען געווארען. און דעם קינד׳ס אייגליך האט די מוטער געזעהן א נייע וועלט מיט נייע האפנונגען.

— א גוט שבת! — האבען געשעפטשעט דעם קראנקעס ליפען — זיין קראנק הארץ האט פרישער אנגעהויבען אטעהמען״. ניין, ער וועט ניט אבשטארבען אין גאנצען! ער וועט נאך זיין טויט איבערנייע אויפלעבען אין דעם קינד. ער וועט רוהיג שטארבען. ער לאזט איבער נאך זיך א „קדיש.״

צו די לעזער!

עס איז ארויס פון דרוק און צעשיקט געווארען צו די חותמים
דאס ערשטע בוך פון דער ביבליאטעק

דאס לעבען

די ביבליאטעק בעשטעהט פון צוואנציג ביכער, וועלכע וועלען ערשיינען אין משך פון איין יאהר.

די חותמים וואס אבאנירען זיך אויף דער גאנצער ביבליאטעק בעקומען אומזיסט, אלס פרעמיע, א גרויסען זאמעל בוך **„אריאל“**

וועלכער קאסט 1.50 רו״כ.

די גאנצע ביבליאטעק קאסט נאר 5 רובל מיט פארטא, וועלכע מען קען אויסצאהלען און 3 טראקען.

יעדעס איינציגע בוך קאסט 36 קאפ׳ מיט פארטא.

אדרעס פיר געלד שיקען:

I. Финкельгольду, Одесса.

ביכערפערלאג **„אריאל“**